א. טשעריקאָווער

# מענדעלע מוכר ספרים

## א פרוּוו פון א קריטישער אָפּשאַצונג

ווען איינער האָט בדעה צו געבן א פול בילד פון דער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט פון א שרייבער, איז ניט גענוג ער זאָל זיך קאָנצענטרירן בלויז אויף דער ריין=עסטעטישער זייט פון זיינע ווערק, אויף דער קראַפט פון אַרויסגעוויזענעם טאַלאַנט, נאָר אויף דעם קינסטלערישן ווערט פון דער קאָלירפולער פון זיינע געשטאַלטן און שטימונגען. אויב מיקען פאַרגלייכן א מחבר מיט א סענסיטיווער פּריזמע וואָס שפּיגלט אָפּ שטאַרק, פיין און אייגנאַרטיק־שיין די שטראַלן פון דער ארומיקער וועלט, - שטעלט זיך אומפאַרמיידלעך די פראַגע וועגן דעם וואָס אזוינס שטעלט מיט זיך פאָר די רעאַלע וועלט אַרום, פון וואַנען קומען די שטראַלן וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין קינסטלערישן וואָרט? און ווען מיר שטויסן זיך אָן אויף דער פראַגע וועגן דער רעאַלער וועלט, זיינען מיר מחויב אויסצופאָרשן דעם מחברס פּערזענלעכקייט און זיין געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע. דער שרייבער מוז אַוועקגעשטעלט ווערן אין זיין שייכות צו די ארומיקע דערשיינונגען. לעבנדיק אין א באַשטימטער תקופה און אין א באַשטימטער סאָציאַלער סביבה, פון וועלכער און נאָר פון וועלכער ער שעפּט אַלע זיינע אָבסערוואַציעס, געדאַנקען און געפילן, איז דער שרייבער ניט בכוח זיך צו באַפרייען פון דעם חותם וואָס די סביבה האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. זיין פּסיכיק וואָס ווערט געשליפן אין א באַשטימטן סאָציאַלן קרייז פּאַסט זיך צו צו דעם דאָזיקן קרייז און נעמט אָן זיין באַפאַרבונג. פון דעם הענגט אויך אָפּ די פאָרעם פון דעם שרייבערס עסטעטישן אויסדרוק.

די פּערזענלעכקייט פון א שרייבער, ווי יעדע פּערזענלעכקייט בכלל, איז א פּראָדוקט פון סאָציאַלע באַדינגונגען, פון א געוויסער קאָמבינאַציע פון פאַרשיידענע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות, - זי, די פּערזענלעכקייט, איז א באַשטימטער סאָציאַלער איינס אויפן פאָן פון דער ארומיקער סביבה, - און די ליטעראַרישע קריטיק מעג און מוז אָן מורא ביים אַנאַליזירן דעם מחברס פּערזענלעכקייט אָנווענדן דעם מעטאָד פון אויפדעקן און אַנטפּלעקן די באַדינגונגען פון זיין סביבה. דער אויטאָנאָמער ווערט פון קינסטלערישן שאַפן, די אַבסאָלוטע פרייהייט פון וואָסער ניט איז פאָרויסגעזעענער טענדענץ וועלן לחלוטין

פון אזא מעטאָד ניט לײדן. דער דאָזיקער מעטאָד האָט א װערט װי אן אופן צו דערקענען די כוחות װאָס שטופן פאָרויס דעם שטראָם פון לעבן. עס איז, למשל, קײן ספק ניט, אז פּרינציפּ-לאָזיקײט, דאָס פעלן פון געזעלשאפטלעכע אינסטינקטן און שטימונגען בײ די צניעותדיקע דינער פון „רײנער" קונסט, בײ כלי מינים דעקאַדענטן און מאָדערניסטן, - מיט װאָס זײ גרײסן זיך אזױ, - איז א באַװײז, אז אומבאַװוסטערהײד האָבן זײ א נטיה צו דער אידעאָלאָגיע און מאָראַל פון א באַשטימטער גרופּע. געניסנדיק, אָן קײן שום רעזערװאַציעס און ספקות, ניט זעלטן אפילו אין דער פולער מאָס, פון מאַטעריעלן תּולדײן װאָס קומט פון שװערער פּראַצע און לײדן פון אנדערע, גרײסן זײ זיך אומזיסט מיט זײער בלומרשטער באַפרײונג פונעם יאָך פון ערדישע אינטערעסן.

אין סאָציאַלן לעבן הערשט ניט קײן צופעליקער צוזאַמענהאַנג פון דער-שײנונגען, אויך ניט קײן הפקרדיקע אַלײנהערשאַפט פון היסטאָרישע געזעצן, נאָר עס איז פאַראַן א געזעצמעסיקער גאַנג פון פּראָצעסן װאָס דרינגען ארויס פון באַשטימטע באַדינגונגען און אין לויף פון װעלכע עס קומען אויף, שטויסן זיך צונויף, פאַלן און זײנען גובר קאָמפּלעקסן פון מאַטעריעלע און גײסטיקע אינטערעסן פון פאַרשײדענע סאָציאַלע גרופּעס, פון זײערע אידעאַלן און פּרינציפּן. דער צונויפשטויס און דער קאַמף פון סאָציאַלע כוחות, - פון קלאַסן, - פירט צום נאָכאַנאַנדיקן בײט פון היסטאָרישע דערשײנונגען, צום גאַנצן געמומל פון לויפיקן לעבן, - און די סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע אָפּקלאַנגען פון אָט דעם לעבן-געמומל שפּיגלען זיך אָפּ אויך אין דער ליטעראַטור. דאָס איז דער אופן, אויף װעלכן די ליטעראַטור איז פאַרבונדן מיטן לעבן, ריכטיקער געזאָגט, ~~שטענדיק~~ אָפּהענגיק פונעם לעבן. און אויב דער שרײבער שװעבט ניט אין די װאָלקן, נאָר װערט װי א יחיד אָנגערירט פון א גאַנצער נעץ סאָציאַלע פעדים, דעמאָלט - װילנדיק ניט װילנדיק - שטעלט זיך די פראַגע, װאָס איז די שײכות פון דער דאָזיקער קינסטלעריש-סענסיטיװער פערזענ-לעכקײט צום לעבן-געמומל ארום, װאָס איז די פּאָזיציע פונעם שרײבער אינעם שװערן געראַנגל פון סאָציאַלע כוחות און אידײען? יעדער סאָציאַלער קלאַס אַרבעט אויס זײן אײגענע סיסטעם געפילן און שטימונגען; יעדער מחבר ברענגט ארויס זײנע פּסיכאָלאָגישע טיפּן און שטימונגען אויפן יסוד פון דער סיסטעם פון זײן סאָציאַלער גרופּע.

בנוגע א שרײבער איז די פראַגע פון זײן סאָציאַלער פּאָזיציע, פון זײן „אני מאמין" - באַזונדער װיכטיק, װײל דעם שרײבער איז געגעבן דער קינסטלערי-שער כּוח צו זען מיט אָפענע אויגן דאָס װאָס אנדערע זײנען ניט מסוגל צו זען

אים איז געגעבן געװאָרן די פעיקײט מיטן כוח פון װאָרט אויסצואײבן א מענטשיקן אײנפלוס און באװירקן די מאסן לײענערס.

אזוי ארום קען יעדעס קינסטלערישע װערק אנאליזירט װערן מחוץ דעם ריין־עסטעטישן אויך פון דעם סאָציאל־היסטאָרישן קוקװינקל. מיט אָט דעם צװײפאכיקן אנאליז װעלן מיר צוגײן צום פּאָפּולערן ײדישן זשארגאָנישן שרײבער – צו מענדעלע־מוכר־ספרים (ש. אבראמאָװיטש).

## I

װאָס־זשע איז דער כאראקטער און װעלכע זײנען די גרענעצן פון יענע סאָציאלן קרײז, װעלכער האָט ארויסגעלײגט זײן חותם אויף דער שאפונג פון דעם דאָזיקן שרײבער? װאָס זײנען די געזעלשאפטלעכע דערשײנונגען און שטימונגען װעלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין זײנע װערק? פון װעלכע סאָציאלע גרופּירונגען, פון װעלכע אידעאלן, פון װעלכער מאָראל – באװוּסטער אָדער אומבאװוּסטער הײד־ איז ער דער דיכטער? כדי צו געפינען אן ענטפער אויף די אלע פראגעס דארפן מיר לכל הפחות באָטש סכעמאטיש זיך באקענען מיט דעם סאָציאל־עקאָנאָמישן הינטערגרונט, װעלכער אלײן האָט געקענט מעגלעך מאכן דעם אויפקום פון אזעלכע פּסיכאָלאָגישע שטימונגען, צו װעלכע מענדעלע־מוכר־ספרים װײזט ארויס א נטיה; מיר דארפן זיך אָפּשטעלן אויף דער תקופה, אין װעלכער ער האָט זיך לכתחילה באװיזן װי א שרײבער, אין װעלכער עס זײנען דערשינען זײנע מער כאראקטעריסטישע װערק, װאָס האָבן אים געמאכט אזא גרויסן שם, װי למשל: מענטשעלע (1864), די מאקסע (1869), די קליאטשע (1873), דער פּריזיװ (884), פישקע דער קרומער, פינקש־פינגערל אד"גל.

װאָס־זשע שטעלט מיר זיך פאָר די דאָזיקע תקופה און װעלכע זײנען אירע סאָציאל־עקאָנאָמישע באדינגונגען? ביז די 60ער און בפרט פריער, ביז די 40ער יאָרן, האָבן די ײדן אין רוסלאנד געלעבט לערך אין אזוינע עקאָנאָמישע און רעכטלעכע באדינגונגען װי יענע װאָס האָבן עקסיסטירט אין מערב־אײראָפּע אין מיטלאלטער בעתן פעאָדאליזם. אין יענער צײט, װען רוסלאנד האָט כמעט לחלוטין ניט געהאט קײן גרויס־אינדוסטריע, װאָס איז געשטערט געװאָרן אין איר אנטװיקלונג דורך דער סיסטעם פון רעכטלעכע נאָרמעס, װעלכע האָבן דאָמינירט אין לאנד פאר די רעפאָרמעס, – האָבן זיך די ײדן צוגעפאסט צום נאטוראל־װירטשאפטלעכן אָרגאניזם און האָבן אין אים פארנומען אן איזאָלירטע פּאָזיציע. א דאנק די כלי־מינים ײדישע פארמיטלערישע פונקציעס, װעלכע שפּילן

א גרויסע ראָלע ביי נאַטוראַלע פאָרמען פון פּראָדוקציע און אויסטויש, האָט אזא עקאָנאָמישע איזאָלאַציע פון א גאנצער נאציאָנאלער גרופּע איר געגעבן א מעג-לעבקייט פון עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. דער ייד, א זשמאַטער און א ~~באַהעגלעכער~~ לעבעדיקער, מיט א וואונדערלעכן קוואַל פון אומדערמידלעכער ענערגיע, איז געווען דער מענטש ניט צו פארבייטן, פון איין זייט, פארן פּאַסיווען רוסישן גוט-באַזיצער, דעם קרע-פּאָסטניק, און פאר דער דעמאָראַליזירטע פּוילישער שליאַכטע, די אָטמעכטיקע בעלי-בתים פון דעם פאַרשקלאַפטן, רעכטלאָזן פּויער, און, פון דער צווייטער זייט, פאר דעם דאָזיקן פּויער גופא. דער ייד איז געשטאַנען אויפן שיידוועג צווישן צוויי קלאַסן, אויפן שיידוועג צווישן זיי און דער אויסערלעכער וועלט; ער איז ניט זעלטן געווען א רינג וואָס האָט צונויפגעקניפּט דאָס איזאָלירטע דאָרף מיט דער שטאָט און אירע באַדערפענישן. אט דער ספּעציפישער אָרט וואָס יידן האָבן פארנו-מען אין דער ווירטשאַפט-פּראָדוקציע, זייער אייגנאַרטיקער אופן פון קאַמף פאר עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, פון צופּאַסן זיך צום ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם פון לאַנד, האָט געבראַכט ~~צו דעם~~ [illegible], אז די יידן זאָלן בלייבן לחלוטין אָפּגעפרעמדט און אָפּגעזונדערט פון דער ארומיקער וועלט און פון אירע איינפלוסן. ביי אזא מין כאַראַקטער פון זייער ווירטשאַפטלעכער פונקציע האָט זיך צווישן יידן ניט געקענט שאַפן קיין שאַרפע עקאָנאָמישע דיפערענציאַציע, קיין טיפער עקאָנאָמישער תהום צווישן קלאַסן.

אָבער שוין אין די 40ער יאָרן איז דער עקאָנאָמישער באָדן פון די יידן אין רוסלאַנד שטאַרק צעטריסלט געוואָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַ-ווייזן, דערווייל נאָך גאַנץ ווייטע, סימנים פון דעם אָמפאַרמיידלעכן קריזיס אינעם לעבן פונעם אָפּגעשטאַנענעם רוסלאַנד פון פאר די רעפאָרמען, פונעם קריזיס וואָס האָט בהדרגה ארויפגעבראַכט אויף דער געשיכטלעכער ארענע נייע פּראָדוקטיווע כוחות, וועלכע האָבן באַדראָט די אַלטע, מיט וועלכע די יידן זיינען געווען ענג פארבונדן. שוין פון די 40ער יאָרן הייבט זיך אָן דער ביוראָקראַטישער איפער און די אַמטרופּסוס בנוגע יידן און זייערע הצטרכותן און ווי א רעזולטאַט שאַפט זיך א רעגלאַמענטאַציע אין זייער אינערלעכן לעבן, עס מערן זיך גזירות וועגן רעכטלעכע באַגרענעצונגען, וועגן אָפּשאַפן דעם „קהל"; עס ווערט איינגעפירט דער „קאָראָבאָטשני„ און „סוועטשנאָי סבאָר„, דער אינסטיטוט פון קאַנטאָניסטן, אט דער לעבעדיקער אָפּצאָל, וואָס די יידישע מאַסע האָט מיט א קללה אויף די ליפּן אָפּגעגעבן פאר דאָס רעכט אויף קיום צו עקזיסטירן; דער אינערלעכער אינסטי-טוט פון: לאַוושיקעס„, די „קאַזיאָנע" יידישע שולן, די עמאַנציפּאַציע, וואָס

Jew was indispensable to porits & peasant alike

פונג פון „רעזערוו“-טאסן. דער עקאָנאָמישער תהום, די קלאסן-דיפערענציאציע האָבן זיך אָנגעהייבן מערקן אויך צווישן ידן, כאָטש אין אַ שוואַכער און פארקריפלטער פאָרעם אין פארגלייך מיט די זעלביקע פּראָצעסן ביי אַנדערע פעלקער.

אין דער דאָזיקער אָנהייב-תקופה פון רוסלאנדס מעכטיקן ארויסגאנג אויפ ברייטן שליאַך פון גרויס-קאפיטאליסטישער ווירטשאַפט איז אויך אויפגעקומען אויף דער אַוואַנסצענע פון ידישער געשיכטע דער קלאַס ~~פון~~ ידישע קאפיטאליסטן, די „אייראָפעיזירטע“, די וואָס האָבן באוויזן שטאַרק צו ווערן נאָך אין די גוטע אלטע צייטן, אין די צייטן פון די קאזיאָנע צושטעלונגען און אָטקופן און וואָס האָבן באוויזן זיך צו אנטוויקלען אין דער פולסטער מאָס אין דעם איצט פארברייטערטן פאר זיי תחום המושב. אָט דער אויפקום פון נייע סאָציאלע רויבפויגל האָט לסוף געשאפן א פיינע מחנה וואָס איז נאָך שטארקער געוואָרן אַ דאַנק די ליפערונגען פאר דער קרימער און שפעטער פאר דער טערקישער מלחמה, - א מחנה גרויסע סוחרים, באנקירן און „נאציאָנאלע העלדן“ - ווי די פּאָליאקאָווס, די גרינבערג-האָרוויצעס א.א. האָבנדיק אַ באַדערפעניש אין א נייער פסיכאָלאָגישער אטמאָספער, האָט אָט דער שטארקער קלאס ידן טומלדיק אויפגעכאפּט דעם ביוראָקראטישן באַגער נעענטער צונויפצוברענגען די ידישע מאַסע מיט דער רוסישער איינגעוואָרצלטער באַפעלקערונג. זיי, אָט די געשעפט-מאכערס און זייערע אונטערלעקערס, האָבן מיט פארליבטע אויגן געקוקט אויף דער צעבליטער רוסלענדישער בורזשואזיע, וואָס איז זיי געווען אזוי צום הארצן, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון דער ביוראָקראטישער דערנענטערונג-כוונה. דערביי האָבן זיי פארנעפלט די אטמאָספער מיטן טשאַד פון בורזשואזער אסימילאַציע.

אינעווייניק, אויף דער ידישער גאס, האָט די דאָזיקע שאַרפע ענדערונג אין די אָביעקטיווע סאָציאל-עקאָנאָמישע באדינגונגען און אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון רוסישן ידנטום זיך אויסגעדריקט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן און ארויסגערופן אויפבליצן פון א נייער אידעאָלאָגיע און פון נייע סאָציאלע אינסטינקטן. אַ גאַנצע פּלעיאדע שרייבערס-משכילים איז ארויסגעטראָטן ווי פאָרקעמפערס פון השכלה און דערקלערט מלחמה דער פאַרהאסטער פארשקלאפונג פון יחיד צו די רעליגיעזע טראדיציעס און מנהגים, מלחמה קעגן די פאנאטיקערס וואָס שטייען אויף דער וואַך פון דעם אַלעמאן. ארויסבייענדיק מיטן רוף צו בילדונג און ברידערלעכקייט, האָט די מחנה שרייבערס-משכילים, אליין ניט וויסנדיק,

אויסגעפירט דעם רצון פונעם שטאַרקערן קלאַס ייִדן וואָס האָבן פון דעם תּחום המושב אַנגעשפּאַרט אין די „הויכע פענצטער„. אַנדערע ייִדן, אינטעליגענטן און משׂכּילים, געיאָגט פון אַ פאַרבאָרגענעם דראַנג, האָבן ענדגילטיק איבערגעריסן מיטן דער ייִדישער גאַס און מיט ייִדישקייט בכלל און גערופן אַלע ייִדן זיי נאָכצוגיין און אַזוי אַרום געוואָרן אָפּהענגיק פונעם קלאַס־גרויסע בעשעפטליים; אַנדערע ווידער, וואָס האָבן ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט זיך אָפּצורייסן פון זייער סביבה און דערביי זיינען זיי ניט געווען מסוגל צו פאַרשטיין די פּראָצעסן וואָס האַלטן זיך אין אַנטוויקלען, טיפער אַריינצודרינגען אינעם תּחום פון ייִדישע לײַדן, די, וואָס זיי האָט געפעלט דער אימפּעט פון קרעאַטיוון געדאַנק און דער עיקר פון קרעאַטיווע מעשׂים, — זיינען אויף שטענדיק געבליבן צוגעשמידט צו דער ייִדישער גאַס מיט אירע קליינלעכע השׂגות און שטימונגען; זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט דער ראָלע פון „בהדרגהדיקע„ אויפקלערערס און בפרט מיט דער ראָלע פון שאַרפֿע קריטיקערס פון די ייִדישע פּאַראַנדקעס; אין תּוך זיינען זיי אָבער ביזן סוף געבליבן דורכגעדרונגען מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון זייער קליינבירגערלעכער גאַס־מלוכה, כאָטש אַ ביסל איז זייער פּסיכאָלאָגיע שוין געווען משׂכּיליזירט און באַווירקט פון די נייע שטימונגען.

צום לעצטן מין משׂכּילים געהערט ש. אבראַמאָוויטש. אַזאַ איז די סביבה, אין וועלכער ער איז אויפגעוואַקסן, וו זיין פּסיכיק איז געשליפן געוואָרן. ווי אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר פון יענער אָפּגעלעבטער וועלט און פון אירע אָפּגעלעבטע אידייען האָט ער זיך אויפגעהאַלטן ביז אונדזערע טעג.

ביים שילדערן די ייִדישע גאַס, שטייט אבראַמאָוויטש אויפן באָדן פון איר קליין־בירגערלעכן שיכט און אויף אים קאָנצענטרירט ער דער עיקר זיין קינסטלערישע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אַ נטיה צו דער מאָראַל און צום וועלטבאַנעם פון אָט דעם שיכט. ער שילדערט אַנדערע שיכטן נאָר אויף וויפל זיי קומען אין באַריר מיטן שיכט וואָס ער באַשרייבט. עקאָנאָמיש העכער איז געשטאַנען דער מיטל־בירגערלעכער קלאַס — די שטאָטישע „גבירים„, „נגידים„; נידעריקער אויף דער עקאָנאָמישער לייטער זיינען געשטאַנען די סאָציאַל סאַמע נידעריקסטע, די אַרויסגעשטויסענע פון לעבן ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע בעטלערס. מיט די באַציונגען צווישן אָט די שיכטן, מיט זייערע טיפן זיינען אָנגעפילט די ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים. כּדי אַריינצופירן דעם לייענער אין דער וועלט וואָס ער באַשרייבט, לאָמיר ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון דער קליאַטשע, פונעם קאַפּיטל „ישׂראליק (1)

באקלערט די װעלט״:-

„.... עס שטעלט זיך מיר פאָר א פרימאָרגן: ײדן שטײען אויף און קרעכצ
װײסן נים װאָס מען טוט, װאָס מען הײבט אָן, פון װאַנען מען זאָל זיך דער-
נערן?...זײ זיפצן, זײ קרעכצן און קנײטשן, קנײטשן דעם שטערן...״

„ ....עס שטעלן זיך מיר פאָר רעדלעך פארשװינען... מענטשעלעך װאָס
דרײען זיך אין די קהילה-שטיבלעך,נעבן די גבירים, מענטשעלעך װאָס זעע
אויס װי שרעקלעכע װעלף צװישן די אָרעמע בידנע שאָף אויף דעם מארקט...
(ציטירט לויט אלע װערק פון מענדעלע מוכר ספרים,פארלאג„מענדעלע״,װארשע
1928)* די קליאַטשע ,זז 83-85

---

*) די אנדערע טײלן פון דער ציטאטע (אָדער פון איר פרײער איבערזעצונג) האָב איך אין דער מענדעלע=אויסגאבע װאָס איך באנוץ,נים געפונען. איך גיב דאָ די ײדישע איבערזעצונג פון דעם רוסישן טעקסט אין דעם ארטיקל פון א. מש. ; „...„עס שטעלט זיך מיר אויך פאָר א פרימאָרגן בײ אונדזערע בבודי-קע, ײדן-יחסנים,אזוינע גלאטע,זײדענע ײדעלעך...

„... עס שטעלט זיך מיר פאָר אין זײן פולער מאָס דאָס בילד פון אונדזער מארק...מיטן געװאלטיקן רעש פון קויף און פארקויפן... פאר מײנע אויגן גײען דורך קלײנע הענדלערס, עס שטײען ארום סויזנ-טער הענדלערס מיט אלטװארג און שמאטעס...

„... עס שטעלט זיך מיר פאָר ײדישע מסחרים און געשעפטן,ײדישער האנדל- װאנדל... װי צענדליגער קלײנע סוחרים שלאָגן זיך װי משו-געים פאר אן אײן אײנציקן קונה...
גײען
„...פאר מײנע אויגן שש פארבײ; דער אָטקופשטשיק פונעם קאָ-
ראָבאָטשנעם סבאָר,מיט א קײלעכדיק בײכל...א שײנער ײד, א געזונטער
און פעטער, װעלכן מען דערלאנגט אונטערטעניק א פײנע נדבה און
ער איז נאָך אומצופרידן... אן אָרעמער בעל=מלאכה,מיט װעלכן מען
דינגט זיך לאַנג פארן מקח.

„.... עס שטעלט זיך מיר פאָר,װי פון פרימאָרגן אָן ציען זיך צו די ײדישע הײזער...רות קבצנים צו קריגן נדבות...

„...עס שטעלן זיך מיר פאָר די ײדישע תלמוד-תורות...אונדזערע פאראָנדקעס אין די שפיטעלער און קראַנקן=הײזער... אונדזערע פאראָנדקעס אויף די אסיפות.

„.... עס שטעלן זיך מיר פאָר אונדזערע שש שטאָטישע פני= רעדלפירערס, די קהלשע מאַכערס...מיט זײער גאנצער רזיבערי-שער מחנה... אונדזערע בתי=מדרשים און שולן, אַט די ערטער פון הײליקער תפילות,מיט זײערע אײנװוינער... עס שטעלן זיך מיר פאָר התונה=פראָצעסיעס װאָס ציען זיך איבער די גאַסן ביז שפעט אין דער נאכט...״

ר. טש.

אַזוי זעט אויס די יידישע גאַס. ש. אבראַמאָוויטש איז איר באַשרײַבער, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף זײַן אײגענעם סאָציאַלן שיכט. מענדעלע-מוכר-ספרים איז דער טיפּישער פֿאָרשטײער פֿון אָט דעם שיכט, וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט דער משכּילישער אינטעליגענץ. און אויפֿן זעלביקן אופֿן ווי בײַ אָט דעם צווישנקלאַס, האָט זיך אויך בײַ די משכּילים, וואָס זײַנען אויפֿגעשטאַנען ווי די פֿאָרשטײדיקער פֿון זײַנע אינטערעסן, אויסגעאַרבעט אַ דאָפּלטע פּסיכיק, בסוד און אַמאָל אויך אָפֿענער הײד, האָבן זײ זיך געצויגן אײנער צום אַנדערן, אָבער אײ-נער איז נישט געווען מסוגל זיך צו באַפֿרײען פֿונעם שטעטל, מיט וועלכן זײַן גע-דאַנק איז געווען אַרומגעוואַקסן, און דער צווײטער איז נישט געווען מסוגל זיך אָפּצוזאָגן פֿון די נאָך שטמעודיקע ספֿקות פֿון געדאַנק, וואָס די נײַע צײַט [illegible] האָט מיטגעבראַכט. די פֿערזענלעכקײט ש. אבראַמאָוויטש איז פֿאָרמעל אויך אַ דאָפּל-טע, וואָס איז די סיבה פֿון אַ רײ דאָפּלטע מאָמענטן אין זײַן שאַפֿן. אָט זעען מיר אים ווי אַ משכּיל, וואָס זעצט איבער אויף העברעיש לענצעס דרײבענדיק ווערק וועגן נאַטור-וויסנשאַפֿט, ווי אַ באַשולדיקער פֿון די שטאָטישע פּני און חשובֿע צבֿועקעס, וועלכע האָבן אים כמעט פֿאַרטריבן פֿון באַרדיטשעוו, און אָט זעען מיר אים ווי מענדעלע, מוכר ספֿרים, וואָס איז די „פֿאַרקערפּערונג פֿון קלײן=בירגערלעכן קלאַס, דעם „יידישן ייד" (אַזוי רופֿט ער זיך אַלײן אין זײַן אויטאָבי-אָגראַפֿישער נאָטיץ, געדרוקט אין ספֿר הזכּרון, פֿאַרל. נ. סאָקאָלאָוו, 1889), ווי דעם מחבּר פֿון שבתדיקע זמירות, דעם איבערדיכטער פֿון פּרק און תּהילים אין גראַ-מען, דעם סקעפּטיקער וואָס שײדט אַלע נײַע דערשײנונגען, וואָס הוזקט און גלײבט נישט אַפֿילו אין דער טובֿה פֿון דער השׂכּלה, דעם קענער פֿונעם יידישן געטאָ, וואָס האָט געהאַט די געלעגנהײט זיך נאָענט מיט אים צו באַקענען בעת זײַנע וואַנדע-רונגען איבער פּאָדאָליע, וואָלין און ליטע און אויך אין זײַן אײגענעם שטעטל קאָפּיל, אין קאַמענעץ=פּאָדאָלסק און בענדער, ווען ער האָט פֿאַרבראַכט אין בערדיטש-עוו און זשיטאָמיר.

### קיניגרײַך פֿונעם

אין דעם קלײן=בירגערלעכער געטאָ- [illegible] האָבן די פֿאַרלאַנגען פֿון געדאַנק און די אידעאַלן פֿונעם פּילצאָליקן מיטלקלאַס אָנגענומען אײגנאַרטיקע פֿאָרמען: „קאַבצאַנסקער יידן שמעלצן זיך... מען פֿאַרגעסט אויך נישט די גרויסע סעודה פֿונעם לויתן און דעם שור-הבר מיט דעם יין המשומר. רבה בר בר חנאס פֿעטע געגנדזלעך, פֿון וועלכע עס רינט שמאַלץ, ווערן אויפֿגעגעבן צום ברילי-אַנטענעם טיש אויף גין=גאָלדענע פּאַלימעשקעס. צדיקים עסן, טרינקען און לעקן די פֿינגער...קאַבצאַנסקער יידן באַלעקן זיך....מען ליגט אַוועק פֿאַר צרות דעם

לויתן און מען נעמט זיך לעת עתה צו דער פּאָליטיק... די גאַנצע לאַנד-קאַרטע איז ביי זיי אויסגעמאָלט אויף דער האַנד. און בשעת בערל מיט זיין קאָמפּאַניע שטעלן ארויס קידה'ס חיל... איז לייזער מיט זיין קאָמפּאַניע שטאַרק באַשעפטיקט מיט די שרים זייערע דאָרט, אין הימל, אויסחייזנדיק בפי-רוש מיט רשיי, אז קיינער פון די מלכיות האָט נישט די מפּלה דאָ אונטן ביז עס פאַלט נישט דער שר זיינער דאָרט אויבן" ([illegible])

„אח-ח-חאָ:- האָט מען געקרעכצט, שלעכט אָרום און אָרום, אין מיטל מאַקי-נאָר נאָר א ווישפיגגערל" (דאָס ווינשפיגעלע, קאַפּיטל 7, זזי 44, 46).
[illegible]. אזא איז געווען די פּאָליטישע חכמה פון אַט דעם קלאַס יידן, און ווי שטאַרק און ברייט עס איז געווען זיין לעבן: באַנעם קען מען זען פון דער ווייטערדיקער ציטאַטע:

„...דער איבעריקער עולם אונדזערער, פונעם מיטלן סאָרט מענטש איז תמיד פאַרטאָן אין דייזשע באַרשטש. אים דאַרט דער קאָפּ פאַר דעם שטיקל ברויט, זוכט פּרנסה, ביי אים איז ראשית געשעפט, אַלצדינג גע-שעפט. התונה האָבן איז אויך געשעפט" (פישקע דער קרומער, זזי 150-151)

די איינגנשאַפטן פון דער סאָציאַלער פּסיכיק ביי דעם דאָזיקן שיכט האָבן זיך אויסגעאַרבעט אינעם שווערן קאַמף פון באַדנלאָזע פאַר אַן עקסיסטענץ, אי-נעם פּראָצעס פון שטענדיקע באַמיונגען זיך צו שטעלן פעסטער אויף די פיס. פאַרנעמנדיק נים קיין זיכערע, וואַקלדיקע פּאָזיציע צווישן אנדערע קלאַסן און נאַציאָנאַלע גרופּעס, איז דער שיכט יידן פּסיכאָלאָגיש געווען אין זיך נים זי-כער, מינדערווערטיק און נים אויסגעהאַלטן. די אומזיכערקייט פון זיין עקאָנאָ-מישן מצב האָט אים געצוווּנגען זיך צו דרייען און ארויסצודרייען, כדי זיך קענען צוצופּאַסן, - און דאָס האָט אויך צוגעהאָלפן צו דער אומזיכערקייט און צעשוווּמענקייט פון זיין פּסיכיק. אין זיינע נאַציאָנאַלע הצהרבותן, אין אינער-לעכע קהלשע ענינים איז ער לגמרי געווען אָפּהענגיק פון אַ פרעמדער מאַכט; באַדריקט פון דאגת פּרנסה, פון די בייזע, קאַפּריזנע כוחות פון עקאָנאָמישע ענדערונגען, וואָס נים ער האָט זיי רעגולירט, און פון דער גאַנצער קאָמפּ-ליצירטער, גרויסער וועלט אַרום אים, - האָט ער געלעבט אין אַ וועלט פון זיי-נע פאַנטאַזיעס, אבערגלויבנס, פון פּחדנות און צעשוווּמענקייט פון געדאַנק, אין א וועלט פון שטייגערישן פאַנאַטיזם און פאַרשימלטע פאַראורטיילן.

מענדעלע-מוכר-ספרים שמאַט פון אַט דעם דאָזיקן קלאַס יידן.

אין מענדעלע־מוכר־ספרים שאַפן מערקן זיך צוויי מאָמענטן. אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ער זיך כמעט אויסשליסלעך אָפּגעגעבן מיט ווערק פון ריין־פובליציסטישן כאַראַקטער, אין וועלכע ער האָט פארשטעלט די קהילה־פירונגען און מיסברויכן; אָבער שפּעטער, אין אַזעלכע ווערק ווי „ווינשפינגערל", „פישקע דער קרומער" א.אַ., אין די העברעישע ווערק פון די 90ער יאָרן א״א, האָט ער, כאָטש אַלץ נאָך א פובליציסטישער מוסר־זאָגער, געגעבן ברייטערע, מער פארשיידנאַרטיקע און נים אין פארגלייך מער קינסט־לערישע בילדער פון יידישן שטייגער און לעבן.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף דער ערשטער תקופה. פריער האָבן מיר אָנגע־וואָרפן א סכעמאַטיש בילד פון יידישן מצב און פון דער קלאַסן־דיפערענציא־ציע ביי יידן. ווי א פועל־יוצא פון אַזאַ מצב האָבן זיך ביים קהל אין די שטעט און שטעטלעך אויסגעארבעט רעכטלעכע נאָרמעס וואָס זיינען געווען אין הסכם מיט די מלוכהשע געזעצן בנוגע יידן, און דאָס האָט געגעבן א ברייט פעלד פאר אינערלעכער הפקרות און פאר מיסברויכן. א קליינע קליקע שטאָטישע בעלי־טובות פון מיטל־ בירגערלעכן קלאַס האָבן לויט זייער אייגע־נעם ווילן פארנומען די וואַרעמסטע פלעצער און האָבן באַלעבאַטעוועט איבער קהלשע ענינים און געלטער און ארויסגעשלאָגן שטייערן פון דער מאַסע קליינ־בירגער, וואָס האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון אורע פארזאָרגער. די פירונ־גען פון דער קהלשער פארוואלטונג, די מיסברויכן אין דער טאַקסע, אינעם „סטיעשנאָי סבאָר", אין צדקה־ענינים מצד דער באַנדע קטאָטישע גבירים, צבועקעס, רעדלפירער, – דאָס זיינען די דערשיינונגען, וועלכע מענדעלע־מוכר־ספרים דעקט אויף, דאָס איז דער גאַנצער אינהאַלט פון זיינע ווערק, צוליב דעם צוועק האָט ער אָנגעשריבן „דאָס קליינע מענטשעלע", „די טאַקסע", „דער פריזיוו און טילוויז" אפילו „די [illegible]" (דעם לעצטן קאַפּיטל). „ביי די אומות העולם, – זאָגט מענדעלע מוכר ספרים, – איז א גביר אָדער א פּאָמיעשטשיק, אָדער א סוחר, א פאַבריקאַנט וכדומה, ביי אונדז אַקעגן איז אַ מינדסטער גביר'ל אין אַ שטעטל דאָס רוב א בעל־טאַקסע, א גבאי, אַן עסקן במצוות, ער איז נאָר אַ סוחר לפנים, באמת טראָגט ער אויף דעם קאָפּ אַ גאַנצע שטאָט יידן נעבעך, ובזכות זה האָט ער מיט אַלע בעלי־טובות די ברכה, וואַקסן זיי קערן זיך און וועגדן זיך... זיי זאָרגן נעבעך, זיי זאָרגן ביז זיי נעמען אויף זיך לייב

און ווערן אָן עין הרע דיק,פעם,לזימער,מים שיינע בייכלעך.." (די מאַסקע,
ז' 22 )

איין דער מאַסקע וואָס איז אָנגעקריבן כלומרשט אין דראַמאַטישער
פאָרעם, אָבער פאָרמאַגט,אגב, נישט קיין שום דראַמאַטישע אַקציע און איז בכל
קינסטלעריש געשמאַקלאָז, ווערט געשילדערט אַ בילד פון הפקרות מצד די צבוע
קעס, די פּני פון שטאָט,און פונעם קאַמף קעגן די קהלשע עוולות וואָס ווערט
געפירט פון איינעם אַן ערלעכן משכיל מיטן נאָמען וועקער,וועלכער האַלט גאָר
פיינע אָבער צו לאַנגע מאָנאָלאָגן. אין דאָס קליין מענטשעלע צווינגט מענדעלע
=מוכר-ספרים איינעם פון די קהלשע בלוטזויגערס, וואָס האַלט ביים שטאַרבן,
ער זאָל דערציילן וועגן זיין לעבן און טעטיקייט מיט א מוסר-השכל פאַר אנ-
דערע און צום סוף צווינגט אים דער מחבר ווי מיט אַ מאַך פון וונדער-שטע-
קעלע צו ווערן א בעל-תשובה און צו האַלטן זייער אַ [illegible] לאַנגע און ביז
גאָר קלוגע דרשה פאַר די קהלשע פּני. די לעצטע קאַפּיטלען פון דער קליאַטשע
פאַרמאָגן אויך ענלעכע מאָטיוון ווי,למשל, די סצענע ווו ישראליק ( לויטן ב
פעל פון אשמדאי) טוט זיך איבער פון א בעל-טובה און באַקומט די געהערי
געבאָטן. דאָס ענלעכע חזרט זיך אויך איבער אין דער פריזיוו און אויך
אין דער העברעישער דערציילונג לא נחת ביעקב. כמעט אין יעדן ווערק פון
מענדעלע-מוכר-ספרים שטויסן מיר זיך אָן אויף די זעלביקע מאָטיוון. אָט
די געציילטע דערשיינונגען אין דער קהלשער זעלבס-פאַרוואַלטונג זיינען ביי
אים די גרונטיקע, כמעט די איינציקע ליטמאָטיוון פון זיין קינסטלערישן
פאַרמעסט אין יענער צייט,ארום וועלכע עס דרייט זיך, ריכטיקער געזאָגט,אין
וועלכע דער מחבר פאַסט אריין אויף א גאַנץ קינסטלעכן אופן דעם [illegible] אינהאַלט
פון די דערמאָנטע ווערק.

מענדעלע מוכר-ספרים ווי אלע אנדערע יידישע שרייבערס אין די 60ער יאָרן
וואָס האָבן געוואָלט אראָפּרייסן די מאַסקע פון די יידישע פּני און קהלשע עסקנים,
האָט אין זיין קאַמף קעגן דער פאַרשימלטער רעליגיעז-פאַנאַטישער וועלט און
קעגן די קהלשע פאַראַנדקעס, זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין קלאָרן, בריטן,
אָביעקטיוו-קינסטלערישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען, און דאָס האָט זיך אָפּגע-
שפּיגלט אין זיינע ווערק.גלייכגילטיק צו דער קינסטלערישער קאָנסטרוקציע-
קינצלט און אָפּ-טענדענציע.

„.... איך בין בײ מיר גאנץ זיכער – האָפּט אונמײַל מענדעלע מוכר־ספרי אז בשעת לײענען װעלן א סך פון אײך, רבותים, – אימלעבער אין זײן גראַד, זיך נישט קענען אײנהאַלטן, אײנער װעט מיט פײער א געשרײ טון: אַי, דאָס אי אַן אָנצוהערענײש אַקעגן אונדזער רב יוסין! נאָך אײנער: אַי, דאָס מײנט מע נתן רב חײקעס! זלמן־יעקל רב מאָטעלעס! הערשקע רב אַבעלעס! אַ דריטער: אַי, אַי, איך האָב געפונען דעם סוד פון אונדזערע טאַקסעס, פון אונדזערע בעלי־טובות און פון אונדזערע אלע פירונגען וכדומה..." (די קליאַטשע, מענדעלע מוכר־ספרימס הקדמה, ז' 10).

מיט אָט דעם „געפינען דעם סוד פון אונדזערע אלע פירונגען" פאַרנעמט זיך ש. אַבראַמאָװיטש, װאָס לײגט אַרײן אין מויל פונעם משכיל װעקער די װײטערדיקע דרשות צום פאָלק:

„... די רעגירונג איז גוט, איז באַרמהערציק... זי װינטשט אימלעכן גליק, אויך אונדז ײדן װינטשט זי גליק, זי זוכט אַלץ מיטלען צו פאַרבעסערן אונדזער צושטאַנד... איר אָבער, דערשלאָגענע, פאַרװאָגלטע, פאַרװיסטע ײדן, לאָזט זיך פאַרפירן, מען זאָל אויף אײך רײַטן, מען זאָל אײך צופּן, רײַסן!"

„... איך זאָל קענען, װאָלט איך זײ גערופן, די הײליקע אבות... זײ זאָלן פאַר אײך גאָט בעטן, ער זאָל אײך אויסלײזן פון ײדישן גלות ...איר האָט אזױ פיל חברות, אזױ פיל צדקה־און עולמות = געלט, װו, טאָמער װײסט איר, קומען זײ אַהין? האָבן בײ אײך גבאים אָרנטלעכע זיכער?..." (די טאַקסע, זז' 111, 113).

פאַר װעקערן, הײנטער װעלכן עס שטײט דער מחבר גופא, איז בײז גאָר טיפיש דער טיף־ קלײנשטעטלדיקער קוק פון אַ נאַיװן מוסר־זאָגער, אַז אַלע ײדישע צרות, דאָס גאַנצע בײז פון זײער שרעקלעכן מצב ליגט אין די קהלשע מחלקות, אין דער הפקרות פון דער „באַנדע שטאָטישע בעלי־טובות". „אָרנטלעכע זיכער" פון די גבאים װי דער אײנציקער מיטל אויסצולײזן די ײדן פון עקאָנאָמישן, פּאָליטיש־נאַציאָנאלן און מאָראַלישן גלות, אין װעלכן זײ זײנען פאַרקלעמט געװאָרן װי אין אַן אײזערנער רײף אַ דאַנק דער רעאַלער װירקלעכקײט פון ~~דער~~ אַרומיקן לעבן. די ירושה פון דער קלײן־בירגערלעכער סביבה לאָזט זיך מערקן אויך אין יענע װערק פון מענדעלע מוכר־ספרים, װו דער

עלעמענט פון אויפדעקן די חסרונות און עוולות אין יידישן לעבן איז נישט אזוי בולט ארויסגעבראַכט, ווי די דאָזיקע טעמע איז פֿאַרדוקט אין הינטערגרונט אָדער ווערט גאָר אינגאַנצן פֿאַרשוויגן. די פּסיכאָלאָגיע פֿון קליין=בירגער, מיט אַ האַלב=משׂכּילישער, האַלב=בטלנישער באַפֿאַרבונג, וואָס דריקט זיך אויס אין שפּראַך=ריי"ד, ווערט ביז גאָר בולט ביי מענדעלע מוכר=ספֿרים בעת ער מאָלט דעם טיפּ פֿון אַ יידישן משׂכּיל. חוץ דעם וואָס די שילדערונג איז געקינצלט סענטימענטאַל און באַנאַל, קומען אין איר בולט אַרויס יענע באַהאַלטענע אומבאַוווסטע ספּרונגזשיינעס פֿון באַוווסטע מעשׂים פֿון מענטשן, וועגן וועלכע קאַרל מאַרקס האָט געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן: „ווי חייניק מען קען משפּטן וועגן אַ יחיד אויפֿן סמך פֿון דעם וואָס ער אַליין זאָגט וועגן זיך." העכער האָבן מיר געבראַכט דעם מאָנאָלאָג פֿון וועקערן, דעם בעל=טובֿה. צום סוף פֿון מאָנאָלאָג ווענדט ער זיך צום פֿאָלק מיט אַזעלכע ווערטער:

„... זייט מענטשן מיט שׂכל, מיט מוט ווי גאָט און די טייערע רעגירונג האָט געבאָטן. דאָלאָי דאָס קעסטעלע! (די טאַקסע, ז' 114). נאָך דעם ווי ער גיסט אויס אַזוי פּלאַם=פֿייערדיקן זיין איידעלן פּאַטאָס, גיסט ער אויך אויס צום סוף פֿון זיין מאָנאָלאָג אויף אַ זייער סענטימענטאַלן אופֿן זיין אַ איידעלע מעלאַנכאָליע. שטשטשטשטשט אַן ארויסגעטריבענער פֿון באַרדיטשעוו, דאָס מיינט פֿון גלופּסק, שטייט ער ביים ראַנד פֿון שטאָט און הייבט פֿייערלעך אויף אין זיין האַנט עפּעס אַ זעקעלע און זאָגט אַזוי צו זאָגן: „אין דעם זעקעלע ליגט די בלאָטע וואָס איך האָב אָפּגעשאָבן פֿון דער פּאָדלאָגע אין מיין קליין שטיבעלע; די בלאָטע איז געוואָרן פֿון די טייבלעך טרערן, וואָס די ליידנדיקע, געפֿאַלענע, הונגעריקע, געדודפּטע, באַריסענע פֿלעגן פֿאַרגיסן און וויינען ביי מיר אין שטיבעלע גאָט זאָל געבן אין האַרצן פֿון דער גוטער און פֿרומער און באַרמהאַרציקער רעגירונג, אַז זי זאָל אויף דיר (גלופּסק) אַ בליק טאָן מיט חסד און מיט רחמנות!... זי זאָל דיר געבן מוט און דיך נעמען אונטער איר שוץ" (די טאַקסע, ז"ז 120,119).

אָדער אָט איז נאָך אַ סצענקע, אין וועלכער עס באַטייליקט זיך דער זעלבער וועקער. ער שטייט צווישן אַ פֿאַרזאַמלטן המון און האַלט זיינע דרשות פֿון דעם זעלבן מין ווי די אויבן געבראַכטע. בשעת מעשׂה קומט צו אַ הער און אַ מיליטערישער אוניפֿאָרעם.

„קולות אין דעם עולם: מאַכט אים אַ וועג! אַן אָפֿיציר מיט פּאַלעטן!

עטלעכע קולות: הערט נאָר, הערט, דער אָפֿיציר רעדט יידיש!

<u>וועקער</u> (קוקט זיך צו און טוט אַ געשריי) אַך, גדליה! מיין מיערער גדליה! (ביידע פריינד קושן זיך און וויינען). וועקער (קוקט שאַרף אויף פיקהאָלצן, פון אויבן אַראָפּ, טרעט אָפּ פון אים עטלעכע טריט און ווייזט אים אויף זיינע פאַלטן) גדליה, וואָס איז?... וואָס איז דאָס?! - דו זאָגסט איך זאָל אַוועק פון די יידן!

<u>פּיקהאָלץ</u> (נעמט אָן וועקערן ביי דער האַנט) נישקשה, שלמה, איך בין אַ ייד! ...בשעת איך בין געוואָרן אויס רב... און באַלד פון טונעיאַדעווקע גלייך אַוועקגעפאָרן אין דער אוניווערזיטעט. איך בין איצט דאָקטאָר אין וואָ-יענעם האָספּיטאַל. איך נוץ איצט פאַר מיר, פאַר מיינע קראַנקע מענטשן נע-בעך און פאר מיין מיער פאָטערלאַנד. מען האָט מיך ליב, כאָטש איך בין אַ ייד" (<u>די טאקסע</u>, זז' 117,116).

מענדעלע מוכר-ספרים לייגט אַריין אין מויל פון דעם זעלביקן משכיל - דעם "דאָקטאָר אין וואָיענעם האָספּיטאַל", וועלכער "נוצט פאַר זיך אליין און פאר זיין טייער פאָטערלאַנד" און וועלכן מען האָט ליב, כאָטש ער איז אַ ייד, - צוגלייך מיט די מוסר-רייד, זיינע אייגענע געדאַנקען לטובת יידן:

"יידן זיינען ניט שולדיק, זיי האָבן גוטע הערצער, זיי האָבן בטבע שכל און געפיל... זיי זיינען בינונים און קענען זייער פיל אַראָפּשלינגען (<u>די טאקסע</u>, זז' 24,23).

ווילן מיר, אגב, באַמערקן, אז מיקען אונדז מאכן א פאָרוואורף, אז מיר זיינען בלומרשט ניט ערלעך, ווען מיר שרייבן צו מענדעלע מוכר-ספרים די ווער-טער און מיינונגען פון די פארשויינען וואָס ער שטעלט ארויס אין ניט גאָר קיין פּאָזיטיוון ליכט; אָבער עס איז לחלוטין ניט שווער אָפּצוואַרפן אָט דעם פאָרוואורף ווען מען דערמאָנט זיך ווי ליכטזיניק און ווי אָן אַ שום סדר מענדעלע מוכר-ספרים צעטרענצלט זיינע מיינונגען און געדאַנקען און באַשענקט מיט זיי ניט נאָר די מענטשן וואָס ער באַווייזט ווייט ניט אין קיין פּאָזיטיוון ליכט, נאָר אפילו די "קליאַטשע" און אויך אפילו טויטע זאַכן, אַבי צו שאַפן אזוי ווי טרוץ אַ גע-לעגנהייט זיך אַרויסצוזאָגן, אריינוואַרפן פאַרבייגייענדיק אַ שטיינדל וווּ מען דאַרף אַ דאַנק דעם וואָס ער איז ניט פעיק זיך צו האַלטן אויף אַן אָביעקטיווער הייך, לאָזט זיך דער מחבר גאַנץ גרינג צו דערקענען אין דער אָדער יענער פּאָעטי-שער דרשה, אין דער אָדער יענער אגב אורחאדיקער באַמערקונג.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו זײַנע משכּילים. כּדי מער זיך ניט אומקער
צו די בטלנישע סענטימענטן װי די װאָס מיר האָבן זיך פֿריער אויף זיי אָפּגעשטעלט
װעלן מיר זיך אויף אַ װײַל פֿאַרהאַלטן אויף אײנעם פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרימס
טיפּן, אויף גוטמאַנען װאָס איז אָפּגעשריבן פֿון לעבן, פֿונעם ייִדישן דיכטער
גאָטלאָבער. (װעגן דעם זע װאָסכאָד, 1884, בוך 12, „דער יום־טובֿ פֿון דער
זשאַרגאָנישער ליטעראַטור"). דער משכּיל גוטמאַן איז אַרויסגעבראַכט אין דעם זעלבן
קלײן־בירגערלעכן שײַן װאָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן מחבר. גוטמאַן
האָט נאַטירלעך אַ האַרץ פֿון אַ מלאך, זײַן װײַב איז צניעותדיק װי אַ דײַטשקע,
זײַן טאָכטער איז װויל דערצויגן; דער זון שרײַבט רירנדיקע בריװ װעגן זײַן
ליבשאַפֿט צו די אומפֿאַרגעסלעכע עלטערן, װעלכע האָבן פֿאַרזײט אין זײַן נשמה
זאָמען פֿון גוטסקײט און עניװת. רעדן רעדט גוטמאַן נאָר אין „הויכן סטיל"
און דורכאויס „דײַטש", װי למשל: „פֿעראַכטונג, רדיפֿות, מאַנגעל, דיזע שפּאָרנע
נור זײַן (דעם שרײַבערס, דעם דיכטערס) שעט גײַסט צו אַרבײַטן... זײַ (מײַנע
פֿערפֿאָלגער) שײַנען זיך פֿאַר אָפֿענע אויגן װי פֿלעדער־מײַזע פֿאַר די שטראַלן
פֿון דער ליכטיקער זון". (דאָס קלײנע מענטשעלע, זזי 48,49). דאָס שטערט
אים ניט פֿון דעסט װעגן צו פּרעזענטירן זײַנע װערק צו די סאַמע חשובֿע פֿון
זײַנע „פֿערפֿאָלגער", די שטאָטישע פּני, פֿון װעלכע ער דערװאַרט אַ מאַטעריעלן
שכר...

אַזאַ איז די װעלט פֿון די משכּילים די בעלי־טובֿות, װעלכע האַנדלען
און רעדן אין נאָמען פֿון אונדזער מחבר; אַזאַ איז די שמאָלע, באַגרענעצטע
משכּילישע פּסיכאָלאָגיע, מיט איר ספּעציפֿישן קלײן־בירגערלעכן בײַ־טעם, די
פּסיכאָלאָגיע פֿון די ייִדישע אויפֿקלערערס, די אידעאָלאָגן, דיכטערס און באַ-
קלאָגער פֿון דער „הכנעהדיקער, שװײַגנדיקער, לײַדנדיקער מאַסע".

כּדי אין אַ פֿולער מאָס צו כאַראַקטעריזירן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן
טיפּ, זײַן באַציִונג צו דער ייִדישער מאַסע װעלן מיר נעמען ישראליקן פֿון דער
קליאַטשע. דער מחבר פֿון דעם דערמאָנטן װערק, װאָס איז אַ פּובליציסטישע אילו-
סטראַציע, אין אַ פּרימיטיװ־אַלעגאָרישער פֿאָרעם, - בכל אופֿן ניט קײן ענטפֿער
צו דער „ייִדישער פֿראַגע" - באַציט זיך צו ישראליקן אָדער מיט חוזק אָדער, װי
אין דעם לעצטן טײל, - פּערסאָניפֿיצירט ישראליקן בלי ספֿק דעם מחבר גופֿא. אַן
אינטעליגענט אַ בעל־רחמים, זאָרגט ישראליק װעגן דער „אָרעמער קליאַטשע", דאָס
מײנט װעגן זײַן אײגן פֿאָלק, און שיקט פֿליצהדיקע בריװ, אין װעלכע ער אַפּע-
לירט צו דער חברה „צער בעלי חיים" מיט די װײטערדיקע װערטער:

„די מידה פון רחמנות איז אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק אין דער מאָדערנער צײַט... אָנגענומען אין דער סברא, אַז דאָס באַשעפעניש, פון װעלכן איך שרײַב דאָ, איז טאַקע נישט מער װי אַ קליאַטשע.... אָבער פאָרט איז זי דאָך גאָטס אַ באַשעפעניש..." (די קליאַטשע, זז׳ 97, 100). צו דער פאַרהונגערטער, פאַרפײַניקטער, האַלב טױטער קליאַטשע װענדט ער זיך מיט פּײַערלעכע דרשות װעגן השכלה און דעם נוצן פון בילדונג:

„... װער עס איז נאָר געבילדעט, לעבט זײער גליקלעך אין עושר, אין כבוד - מוסרט ער זי -...גבירים, רײַכע לײַט קװעלן פון אים גאָר אָן".
(די קליאַטשע, זז׳ 110,109). אויף די צװעקישע רייד פון דער אַנדערש געשליערטן שטדלן, דעם אידעלן ריטער פון השכלה, פון עושר און כבוד, האָט די פון לעבן אַלײן אָנגעלערנטע „קליאַטשע" געהאַט דאָס רעכט צו שלײַדערן אים אין פּנים אַרײַן אַזעלכע װערטער: „איך בין דיר מוחל דײַן רחמנות!... איך װיל לעבן גלײַך װי אַנדערע, גלאַט װײַל איך בין אויך אַ באַשעפעניש פאַר זיך אַלײן.
(די קליאַטשע, זז׳ 117,116).

דורכגעדרונגען מיט אינסטינקטן פון מיטל-סאָציאַלן קרײַז און װי אַ מליץ יושר פון זײַנע אינטערעסן, פירט מענדעלע מוכר ספרים אַ קאַמף אויף צװײ פראָנטן. ער פירט טאַקע אַ קאַמף קעגן דער הפקרות פון די העכערע שיכטן קהלשה בלוטזויגערס, אָבער אין דער זעלבער צײַט טרעפן מיר זיך אָן בײַ אים אויף אַ גאָר נים קײן צװײדײַטיקער באַציונג צו די סאָציאַל-אַראָפּגעשטויסענע שיכטן, צו דעם דעגר[illegible]רטן קלאַס פּראָפעסיאָנעלע קבצנים, בעטלערס, גנבים לעך, צו די װאָס װערן אויסגעהאַלטן פון דער צדקה-פּושקע,-צו אַלע די װאָס זײַנען ששששאַשששששש װי אַ האָרב אויפן רוקן פון די העכערע שיכטן. ש. אַבראַמאָװיטש מוט אַ מאָל מיט רחמנות אַ זיפץ, װען ער דערמאָנט זיך װעגן דער אָרעמקײט, אָבער מען דאַרף קענען צו דערזען אונטער דער מאַסקע מענדעלען דעם קלײן-בירגער, און דעמאָלט שלאָגט ממש אין די אויגן זײַן אומפעיקײט זיך אויפצוהײבן איבער זײַן ענג-בירגערלעכן קוק אויף אַזאַ טראַגישער מכה װי עס איז בעטלערײַ און דעגראַדאַציע, װאָס טערקט זיך צװישן ייִדן אין אַ מוראדיקער מאָס. ער איז נים מסוגל צו דערזען און צו דערפילן, אַז די סיבות פון אַזוי פיל „לײדיקגײערס" צװישן די אַרויסגעשטויסענע פון לעבן ייִדן, ליגן נים אין זײ אַלײן, נאָר זײ זײַנען אַ פּועל-יוצא פון שטרענגע אָביעקטיװע געזעצן פון ייִדישער װירקלעכקײט, װעלכע קענען מיט זײער געזעץ מעסיקן קאַפּריז טאָרגן אַרײַנװאַרפן אין די רײען

פֿון „ליידיקגייערס" די היינטיקע „פּראָדוקטיווע" עלעמענטן. נעמט, למשל, די דערציילונג פֿישקע דער קרומער, ווו עס ווערט באַשריבן די וועלט פֿון יידישע קבצנים, וואַרפֿט זיך אויף דעם צוגעטשעפּעטן ראָמאַנטישן סיפּור-המעשה, און עס ווערט זיך באַקומען אַזאַ בילד:

„... דאָס זיינען דאָך מענטשן (די קבצנים) וואָס האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן, וואָס טוען נישט קיין האַנט אין קאַלטער וואַסער אריין, אראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אין גאַנצן דעם יאָך, ווילן נישט וויסן פֿון קיין אַרבעט פֿון דאגת הפּרנסה און זיך אויף אַנדערע אָנגעוואָרפֿן, נאָגן, זויגן יידיש בלוט און זיינען נאָך זיי דם-שונאים". (פֿישקע דער קרומער, ז' 22, אָדעס, 1888)

„... אומעטום זיינען דאָ בערן, אַריסטאָקראַטן, אפֿילו צווישן קבצנים. די אָרעמע אריסטאָקראַטן זיינען נאָך טויזנט מאָל ערגער פֿון די נגידישע". (פֿישקע דער קרומער, ז' 107, אדעס, 1888).*)

ווען ער רעדט וועגן אָט די צעבראָכענע, אכזריותדיק אַרויסגעשטויסענע פֿון לעבן מענטשן, געפֿינט שש דער קינסטלער, דער דיכטער ש. אַבראַמאָוויטש אין זיין סענטימענטאַלער נשמות רחמנות נאָר פֿאַר די קהלשע יידישע געלטער, וואָס ווערן אויפֿגעפֿרעסן דורך די עזות-פּנימדיקע קבצנים, וועלכע „מאָנען די נדבה חי א חוב".**) אַזאַ מין רחמנות, אַזאַ מין אַנאַלאָגיע ווי ער פֿירט דורך, ווען ער שרייבט וועגן קליינעם און אפֿשר אויך מיטעלן פֿאַרברויכער, וועלכן עס „מעלקן נע ביך" סיי די שטאָטישע פּני מיט זייערע צדקה-שטייערן און סיי נאָך „טויזנט מאָל ערגערע" ווייל-באַוואָרנטע טונעיאַדניקעס, בלומזייגערס-קבצנים, בכלל אַלע די וואָס קלייבן נדבות אָן הכנעה, - באַווייזט קלאָר די סאָציאַלע פּאָזיציע פֿון מענדעלע, דאָס מיינט אויך פֿון אַבראַמאָוויטשן, און דעם קוק זייערן אויף דער וועלט.

---

*) חוץ די צוויי זיינען אַלע ציטאַטעס פֿון: אַלע ווערק פֿון מענדעלע מוכר-ספֿרים, פֿאַרלאַג „מענדעלע", וואַרשע, 1928.
ר.

**) בכדי צו באַשטעטיקן אונדזער מיינונג וועגן דעם וועלטבאַנעם און די שטימונגען פֿון מענדעלע מוכר-ספֿרים האָבן מיר זיך באַנוצט מיט איינצלנע ציטאַטעס פֿון זיינע ווערק. ווייסנדיק דעם ווערט פֿון איינצלנע אַרויסגעריסענע ציטאַטעס, זאָגן מיר, אַז מיר האָבן אַרויסגעטראָגן אונדזער איבערצייגונג וועגן מ.מ.ס נישט פֿון די אפֿשר צופֿעליקע פֿראַגמענטן, נאָר פֿונעם גאַנצן גייסט פֿון זיינע ווערק, וועלכע זיינען דורכגעזאַפּט מיט אַ גאַנץ ששששששע דעפֿיניטיווער שטימונג, וואָס אָפֿט לאָזט זי זיך נישט איבערצוגעבן אין ווערטער. אין די ציטאַטעס וואָס מיר האָבן געבראַכט לאָזט זיך די דאָזיקע שטימונג בולטער אויפֿצובאַפֿן; זיי דריקן אויס מיט דער גרעסטער קלאָרקייט דעם מחברס וועלטבאַנעם.

אריבערגייענדיק איצט צום צווייטן מאָמענט אין מענדעלע מוכר ספרים שאפן, וועלן מיר זיך נים פארהאלטן צו לאנג אויפן אנאליז פון זיינע ווערק, ווייל קיין נייע וועלט אנטדעקט ער אין זיי נים פאר אונדז. דאָ האָט ער זיך נאָר באפרייט פון זיין כסדרדיקן אראָפרייסן די מאסקע פון די קהלשע פני פון דער ענג-אומיליטאַרער ראָלע פון זיין שאפן. אויב מען זאָל, למשל, פאר-גלייכן אזוינע ווערק ווי די מ.אַ.קסע אָדער אפילו די קליאַטשע מיט דאָס ווינטש פינגערל אָדער מיט דער מיסטערהאפט אנגעשריבענער העברעישער דערציילונג בישיבה של מעלה ,- ועט מען באמערקן א גאָר גרויסן שריט וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט דאָ געמאכט אין דער ריכטונג פון קינסטלערישער אנטוויק-לונג. כאָטש בטבע קען זיך ש. אבראמאָוויטש ווי א שרייבער גאָר אין גאנצן נים באפרייען פון די פארעלטערטע פאָרמען פון ליטעראַרישן דידאקטיזם, מערקט זיך דאָך ביי אים א רעלאטיווע באפרייונג פון פריערדיקן עקסטרעמיזם,- און דאָס איז א גרויסער פלוס אין זיין ליטעראַרישער אנטוויקלונג. דאָס נים פאר-מאסקירטע איינשטעלן זיך פאר די אינטערעסן פון „קליינעם קאָנסאָמענט" וועלכער איז אים אזוי נאָענט צום הארצן, ווערט אָפּגערוקט אויפן צווייטן פלאן ,-אָבער חיט נים ליקווידירט,- און עס קומען בולט ארויס בילדער פון לעבן-שטייגער און שטימונגען פון זיין סאָציאלן שיכט, עס ווערן קלאָרער קאָנצענטרירט די פארשיידענע עלעמענטן פונעם דאָזיקן שיכט און פארקערפערט אין איין יחיד, אינעם טיפ „מענדעלע מוכר ספרים". און דאָ האָבן מיר שוין פאר זיך נים קיין פשוטע רעגיסטראציע פון פאקטן פון דער יידישער טאָג-טעגלעכקייט, נאָר די געדיכטע, די טיפישע תוכיקייט פון דער איגנאָרטי-קער יידישער ווירקלעכקייט, באלויכטן פון א באשטימטן געזעלשאפטלעכן קוק-ווינקל.

1) אויב מען זאָל זיך רעכענען מיט דער צייט ווען די ווערק פון מ.מ.ס. זיינען דערשינען, וועט עס נים אלע מאָל צונויפפאלן מיט אונדזער פארטיילונג פון זיין שאפן אויף צוויי מאָמענטן . אָבער בדרך כלל פאסט זיך דאָס רוב פון זיינע ווערק אריין אין דער פארטיילונג; דערצו איז א צאָל פון זיינע ווערק ווי למשל, דאָס ווינטשפינגערל, כאָטש עס איז געשריבן סוף 60ער יאָרן, קען עס מיט פולן רעכט צוגערעכנט ווערן צו די 80ער יאָרן,ווען עס איז אין א צום טייל איבערגעארבעטער פאָרעם דערשינען אין דער יודישער ביבליאָטעק,בוך 1.

א.טש.

ש. אבראַמאָוויטש שיקט ארויס זײַן מענדעלע אויף א נסיעה מיט דער
קליאַטשע איבער שטעט און שטעטלעך פון ײדישן געטאָ. מענדעלע, א געטרײַער
זון פון געטאָ, נאָר אויך אַ מענטש מיט דערפאַרונגען, וואָס האָט שוין עפּעס וואָס
געזען, פילט זיך בעתן ארומפאָרן זיכער, קוקט זיך צו צו אַלץ אַרום, גיט
אַלץ איבער אבבאמאָוויטשן און באגלײַט זײַנע מעשיות מיט קנײטשן, ווערטלעך און
דבײדלעך פון זײַן אײגענעם קלײן-בירגערלעכן הומאָר. בעת זײַנע וואַנדערונגען
זוכט מענדעלע אויס אָן קײן שום מי די נײטיקע פאר אים טיפּן, די פארשײדענע
קרומע פישקעס, ײדן וואָס טרוימען וועגן אַ „ווײַטשפינגערל", די בנימינס און
די סענדערס - די גרויסע רײזנדיקע איבער שטחים וואָס שפּרײטן זיך נאָר א ביס
אריבער דעם גדר פון זײער שטעטל. אויב מען דארף, ווערט מענדעלע אויפגע-
בראַכט קעגן די פאראַנדקעס, קעגן די גבירים, זאָגט ארויס קלוגע געדאַנקען
ווי, למשל, אז „מען קען, דאַכט זיך, האָבן אין קאַסטן געלט און קוקן אויף א
מענטש גלײַך, נישט מיט קײן קרום פּנים"... (דאָס קלײנע מענטשעלע, קאפּ' ט, ז' 5
אויב עס איז נײטיק, דערמאָנט ער די פּני, אַז זײ זײַנען אויפגעקומענע משרתים
אַז זײ שטאַמען ניט פון גאָט ווײסט וואָסער אַ ײחוס, אַז אַ צאָל פון זײ זײַנען אין
דער ײוגנט געווען משרתים, געפּוידזעט אויפן בויך און ערשט שפּעטער זיך דער-
הויבן (ײאַנקל אין לא נחת ביעקב, איסר תקיף אין דאָס קלײנע מענטשעלע א"
אויב מען דארף טוט ער אַ בײזן געשרײ אויף די קבצנים, די בעלי הוצפּניקעס,
וועלכע באַרײסן די מענטשן פון זײַן סביבה. ער האָט אַן אײנזעעניש פאַר די לעצ-
טע, ער האָט זײ ליב, בסוד האָט ער אפילו ליב זײער וועלטבאַנעם און זײערע
אידעאַלן, זײער גאַנצן וועזן. די לײט פון זײַן סביבה האָב איס אויך ליב דער-
פאר, זײ שמועסן מיט אים גערן, האַלטן אים פאַר זײערן אַן אײגענעם, פאַר א
„ײדישן ײדן" פון זײער גאס און אפילו די קליאַטשע זײַנע האַלטן זײ פאַר אַ
„דישער. זײ האָבן פאר קײן מורא ניט אפילו אויך דעמאָלט, ווען עס טרעפט זיך
אמאָל, ער טוט זײ גאַנץ שטארק א זידל פאר דער אומאָרדענונג, פאר זײערע מיאו-
סע מידות און געגג, - אין תוך איז ער אין זײערע אויגן „אַ ווילער יונג".
ער איז אַן אײגענער מענטש, ער איז אַלײן פריער געווען אָדער אַ הלפן, אָדער
געהאַט א קלײטל וו ער האָט פארקויפט בשמים, אָדער געווען אַ שענקער, א תבואה
- מעקלער, אַ מלמד, נאָך דעם ערשט איז ער געוואָרן א מוכר-ספרים (הקדמה צו
דאָס קלײנע מענטשעלע און אויך צו פישקע דער קרומער).

איצט, אַרומפאָרנדיק צווישן אַנדערע חלפנים, שענקערס, תבואה-מעקלערס,
מלמדים, דערצײלט ער אַבראַמאָוויטשן וועגן זײערע קולטור-הצהרכותן, און אַבראַ-

מאָוויטש שרייבט פאַר זיי <u>די טאַקסע</u> , מיט אַ הקדמה און הערות פון מענדעלע, און הייליקט זי ווי א „הכנעהדיקע דינער" צו „זיין עקסעלענץ שטאַטראַט און קאַוואַליר פון פאַרשיידענע אָרדענס" וואָס וואַרט „אויף דעם חסד פון זיין עקסע-לענץ" (1 ; אָדער ער שרייבט פאַר די יידן די <u>שבתדיקע זמירות</u>:

פאַרטייטשט אין שירים און גוט דערקלערט
בכדי איטלעכער ייד באַזונדער
זאָל פאַרשטיין זייער טייערן ווערט
ווי שיין זיי זיינען, אַ גאָטס וווּנדער.

ער שרייבט תהילים אין פערזן, גיט ארויס „סוחרישע לזהות", טרוימט וועגן ארויסגעבן פאַר יידישע פרויען אַ זייער נוצלעכן „קרבן=מנחה", מסתמא אויך אין פערזן...

אַבראַמאָוויטש-מענדעלע קען אויך זיין אַ פּאַטריאָט; ער דרשנט אָפט אין זיין גאַס ליבע צום טייערן פאַטערלאַנד, ווייזט אָן ווי אויף אַ מוסטער וואָס איז ווערט נאָכצוטאָן, די פיינע יידן-זעלנערלעך וואָס פאַרטיידיקן דאָס פאַטערלאַנד; איינעם פון זיי האָט ער אפילו געצוווּנגען פייערלעך אַרויסצורייסן די פאָן ביים שונא, און אזוי אַרום פאַרשאַפן כבוד זיין אייגענעם פאָלק, און אויסשרייען פאַר טויט: „שמע ישראל! פאַרן צאַר און דאָס פאַטערלאַנד!" (<u>דאָס קליינע מענטשעלע</u>) אין דער פאַרשטעלונג פון אַ משכּיל אַ קליין-בירגער איז דאָס אַן אמת בילד פון יידישער העלדישקייט.

בעת זיינע רייזעס, ווען ער האָט פרייע צייט, קוקט ער זיך אַרום אויף דער נאַטור, - און מענדעלע האָט ליב די נאַטור ! אין זיין דיכטערישער נשמה רופט די נאַטור ארויס וווּנדערלעכע געפילן, אָבער די נשמה זיינע איז צונויפגוואַקסן מיט דער יידישער גאַס , און ער גיט איבער זיינע געפילן צום לייענער דורך א „ברכי נפשי"...

און אזוי איז זיך מענדעלע געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, טראַכטנ-דיק און באַטראַכטנדיק אַלץ אַרום מיט אַ רויִקן געמיט, ליגנדיק אין זיין באַ-קוועמן פוטלאַר, מיט וועלכן ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צונויפגעלעבט; מחוץ אים האָט ער גאָרנישט געזען, נישט געווען מסוגל צו זען, ווייל דער פוטלאַר האָט אַרויפגעלייגט אויף אים זיין שטאַרקן חותם, האָט אים איזאָלירט פון דער ברייטער וועלט אַרום, פאַרטונקלט זיינע אויגן, אָפּגעשטומפּט זיין געפיל פאַר סאָציאַלן

---

1) <u>פּרדס</u>, 1892, ז' 41.

אַרומבליק און אַריינבליק. און בעת אַרום האָט געהאַלטן אין געבוירן ווערן און זיך צעבליען אַ נײַ לעבן, בעת די פאַרשימלטע וועלט האָט זיך אָנגעהויבן ראַנגלען אין אָנמאַכט קעגן די נײַ- אויפגעבליצטע ליכטיקע האָריזאָנטן, האָט מענדעלע, אַ פאַרחידושטער און פאַרטרויערטער, זיך נאָך שטאַרקער אָנגעכאַפּט אין זײַנע אָפּגעלעבטע אידעאַלן און פלעגט זיך אַריינרײַסן מיט זײַנע אַרכאַישע ניגונים און הַנדלעך אין דעם ווירבל פונעם פאַרענדערטן לעבן. די דאָפּלטקייט פון זײַן פּאָזיציע איז געוואָרן בולטער, זײַן פּערזענלעכקייט האָט זיך מער און מער צעשפּאָלטן: „איך פיל, באַקלאָגט ער זיך, אַז אין מיר זײַנען דאָ צוויי ימענדעלעס פאַרשיידענע און פינטלעכע לויט זייערע איבערצייגונגען; איין מענדעלע איז אַ תמימותדיקע און אַ גלויביקער צו אַלעמען און צו אַלץ און דער צווייטער אַ בית-רעד, אַ סקעפּטיקער, וואָס גערוימט נים דעם אויסערלעכן גלאַנץ פון גאָלד". (1

ער האָט זיך טיפער אַריינגעגראָבן אין זכרונות פון די גוטע אַלטע צײַטן און פון דאָרטן דערטראָגן זיך צו אונדז די איבערקלאַנגען פון די אַלטע מאָטיוון.

IV

ליטעראַרישער

לאָמיר איצט אַריבערגיין צו דער ריין-~~קסטטטטטטטטטט~~ אָפּשאַצונג פון זײַנע ווערק. עס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן, אַז „דער סטיל איז דער מענטש", ד"ה אַז אין די פאָרמען פון אויסדרוק, אין דעם אופן פון שילדערן, אינעם אופן פון אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל פאַר קינסטלערישער באַלויכטונג, ווײַזט זיך אַרויס די פּערזענלעכקייט פונעם שרייבער. מען מוז אָבער פאַרברייטערן די גרענעצן און זאָגן, אַז אין דעם סטיל ווײַזט זיך אַרויס אויך די סאָציאַלע געשטאַלט פונעם שרייבער, אין אים ווערט אָנטפּלעקט נים נאָר דעם שרייבערס אינדיווידועלער טעמפּעראַמענט, נאָר אויך דער טעמפּעראַמענט פון זײַן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קרייז וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אונטער דער ווירקונג פון סאָציאַל - מאַטעריעלע און פּסיכישע כוחות וואָס שאַפן די אַטמאָספער, מיט וועלכער דער שרייבער אָטעמט. סטיל איז אויך אַ גרופּע-מענטש,-וואָס איז באַזונדער וויכטיק פאַר קלאָר צו מאַכן פון וועלכן באָדן עס צעבליען זיך אַ מאָל אויך די סאַמע פּרעכטיקע, קאָלירפולע קינסטלערישע בלומען.

מענדעלע מוכר ספרים‏ס סטיל שפּיגלט אָפּ קלאָר און דײַטלעך זײַן פּסיכאָלאָגיע וואָס האָט אָנגענומען די קאָלירן פון דער סביבה פון יידישע מעקלערס, קליינע קליינטערס („קליינקראַטיע") און בית-מדרש-פּאָליטיקערס. זײַן „יידיש יידישער" לשון, זײַן קינסטלעריש פינטלען מיט די אויגן, רמזים און אַטאַקעס

---

פּרדס, 1894, ז' 48

ווי אַנגעמאָסטן שילדערן די אָביעקטן וואָס ער זעט אַרום זיך. עס אָטעמט פון דעם מיטן גייסט פון אַ סיסטעם וואָס האַלט ביים אָפּשטאַרבן, אַ סיסטעם פון אַ צעקראָכנקייט פון געפיל און פּחדנות פון געדאַנק. וואָס ווייטער פילט זיך ביי מענדעלע מוכר ספרים אַלץ מער זיין מעלאַנכאָליע, זיין בענקשאַפט נאָך דער צעקראָכנקייט און פּחדנות וואָס האַלט ביים אונטערגיין, כאָטש ווי אַ מעביל האָט ער גופא אַ מאָל געררופן צו ליכט און השכלה.

מענדעלע מוכר ספרים איז להלוטין נים מסוגל ווי אַ קינסטלער צו זיין אָביעקטיוו, - פון יעדער שורה פון זיינע ווערק קוקט אַרויס מענדעלע גופא. ער פילאָזאָפירט, זאָגט מוסר, דרשנט מאָראַל און לייגט זיינע קלוגע זאָגונגען וועמען נאָר עס לאָזט זיך אין מויל אַריין,- ער טוט עס אַפילו אין אַ דראַמאַטיש ווערק, וו לוים דער טעכנישער קאָנסטרוקציע פאָדערט זיך דער מחבר זאָל בלייבן הינטער די קוליסן.

מענדעלע מוכר ספרים איז אויך נים ביכולת צו קאָנסטרוירן זיינע ווערק ווי אַ קינסטלערישע גאַנצקייט. זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן צונויפגעשטוקעוועט געוואָרן פון באַזונדערע שטיקלעך,- טיילמאָל קינסטלערישע, טיילמאָל פון אַ צוגעטראַכטן מין. ספּעציעל ליידן פון דעם אַזוינע ווערק ווי די טאַקסע, דאָס קליינע מענטשעלע, די קליאַטשע און אַפילו פישקע דער קרומער, וואָס זיינען אויף א קינסטלעכן אופן צונויפגעשטעלט ווי פון צוויי באַזונדערע טיילן, ליטעראַריש אַבסאָלוט נים קיין גלייכווערטיקע. פון אַזאַ מין ווערק ווי די קליאַטשע, וו עס הערשט דורכויס פּובליציסטיק, האָבן מיר, אמת, אַפילו קיין רעכט נים צו פאָדערן קיין קאָנסטרוקטיווע גאַנצקייט. עטלעכע שטאַרקע דיכטערישע שטריכן, עטלעכע צעוואָרפענע, מיט אַ הייסן געפיל און מיט נאַטירלעכע קאָלירן אויסגעמאָלטע בילדער פון דער טרויעריקער יידישער ווירקלעכקייט שפּיגלען אויס דעם גאַנצן קינסטלערישן ווערט פונעם ווערק וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ רעש. דערפאַר אָבער זיינען דאָ פאַראַן אַלעגאָרישע אַטאַקעס קעגן יידישע שונאים, אינערלעכע און אויסערלעכע, עס איז דאָ די מיטאָלאָגישע פילאָזאָפיע פון אשמדאי וועגן דער דואַליסטישער וועלט און באַטראַכטונגען אויף דער טעמע וועגן רחמנות צו יידן און וועגן איינשטעלן זיך פאַר יידן מצד פראוואָסלאַווע גלחים ( די קליאַטשע קאַפּ 17)

ביי מענדעלע מוכר ספרים פאַרמאָגן נים די ווערק קיין לאָגישן סוף.

כמעט יעדעס ווערק זיינס קען מען אָדער גאַנץ גלייכגילטיק לייענען ווייטער אָדער אויפהערן צו לייענען וו נאָר עס ווילט זיך, ווייל מען ווערט נים פאַרבאַפט נים פון זייער ספּעציעלן אינערלעכן צונויפבונד נים פון קיים פון בסדרדיקע

אקציעס, - ער באנוגנט זיך נאר מיט פארשטעלן דעם שטיגער-לעבן און די שטימונגען פון זיינע פסיכאלאגישע טיפן, וואס ער האט אפגעקאפירט פון לעבן, מיט זייער א שוואכן קינסטלערישן אפקלייב. אלע זיינע ווערק זען אויס ווי וואריאנטן דערצו נאך פון איינע און די זעלביקע לעבנס- בילדער; פאר אונדזערע אויגן גייט אדורך די זעלבע ריי איינטאניקע געשטאלטן; מיר ווערן פארמאטערט פון דער ענלעכקייט צווישן א סך פארשוינען, פון דעם דוחק אין קינסטלערישער רייכקייט פון פארבן און טענער. רי ספאדיק, קנעכטבאר ( די מאקסע) און רי יוחנצי (דער פריזיה) איסר, תקיף (דאס קליינע מענטשעלע ) און פרעבמאן ( די מאקסע) אויך איסר או יעקב ( לא נחת ביעקב), - זיינען די זעלבע פארשוינען,- אלע זיינען זיי עפיזאדישע גבירים און בעלי-טובות, אלע זיינען זיי מלמדים, שמחים, סוחרים, קבצנים מקבלים, זיי האבן אלע דעם זעלבן פנים.

מענדעלע מוכר ספרים, וואס האט אנגעהויבן ווי א פראמאקאליסט און אן אנפלעקער פון שלעכטע פירונגען אין קהלשן לעבן, באשאפט שפעטער, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, דעם מענדעלע- טיפ וואס קאנצענטרירט אין זיך די איינצלנע שטריכן וואס ער אבסערווירט אויף דער יידישער גאס. כאטש דאס איז שוין אליין פאר זיך א גרויסער שריט פאראויס אין פארגלייך מיט פריער, ווייל דא ווערט שוין געשאפן א בוללדיקער טיפ, דא ווערן סומירט פארשיידענע איינצלנע שאפטן אין איין יחיד,- האט דאס פון דעסט וועגן א קלענערן ווערט ווי די אינדיווידואליזאציע פון דינע נשמה-עמאציעס, וואס איז א סך שווערער און קינסלערישער אויף א העכערן ניווא. מיט דעם דערקלערט זיך דאס וואס מענדעלע מוכר ספרים איז זייער א שוואכער פסיכאלאג. ניט זייענדיק ביכולת בולט אנצומערקן די קאנטורן פון זיינע פערסאנאזשן, אוועקצוגיין ווייטער פון בלויז אויסערלעכע אבסערוואציע, שטופט מענדעלע מוכר ספרים אריין די גאנצע גאמע פסיכאלאגישע איבערלעבונגען אין טיפישע עמאציעס; ער איז בכוח אויפצונעמען בלויז פומארע פסיכאלאגישע געפילן, בלויז סכעמאטישע און פשוטע; זיין שרייבערישער נאטור איז פרעמד דער טיפער און שארפער פסיכאלאגישער אריינבליק, דער דרייסטער אנאליז פון די נשמה-טיפענישן און דער עיקר די פעיקייט צו אינדיווידואליזירן די נשמה- אפעקטן; אויף דעם געביט איז ער ניט אריגינעל און הזרט זיך כסדר איבער. אים גייט גאר ניט אן אפצוהיטן די געבאטן פון קונסט און דעריבער דערגייט ער גאנץ אפט צו גאר ניט קיין קינסטלערישע צוטראכטענישן.

דאָס קען באַשטעטיקט ווערן דורכן אופן ווי ער ברענגט אַרויס זיינע נעגאַטיווע טיפּן. פון אַלע זיינע גבירים, קהלשע עסקנים און צבועקעס וועט מיט רויער פּרימיטיווקייט, - זיי אַלע זיינען גרויסע בעסנים, די אויגן זייערע שטאַרצן ארויס און דערביי הזרט זיך איבער יעדערער פון זיי אינעם צווייטן. ער איז נים מסוגל צו זוכן דעם מענטש אין יעדן יחיד און זעט די סיבות פון געזעלשאַפטלעכע עוולות פשוט אינעם שלעכטן כאַראַקטער פון עפּעס אַן איסר אָדער אַ ספּאָדיק. נים די סאָציאַלע עוולות צערודערן אים, נאָר די גרויסע שטיערן, וואָס די נים-געבע-טענע קהלשע „טאַטעס" שלאָגן אַרויס פון די אָרעמע לייט, און כדי זיי צו דעסקרי-דעטירן איז ער געצוווּנגען געדיכטער צו מאַכן די פאַרבן און זיי צו באַרעדן. טוט אַ קוק, למשל, אויפן אָנגעמאַליעוועטן אכזר אברהם תקיף (דאָס קליינע מענטשעלע) און אַ סך אַנדערע.

די נטיה צו אידעאַליזירן מאַכט אים טייל מאָל צוקערזים און סענטימענ-טאַל. לאָמיר דערמאָנען די שוין פריער געבראַכטע סצענעס פון דער באַגעגעניש צווישן וועקערן און פיקהאָלצן, דאָס אַוועקפאָרן פון וועקערן און זיין רעדע ביים ראַנד פון שטאָט; לאָמיר דערמאָנען גאָלדען, די פרוי פונעם „קליין מענטשעלע", איר מוטער, איר שוועסטער; לאָמיר דערמאָנען דעם אונדז שוין באַקאַנטן גוטמאַנען; לאָמיר דערמאָנען די ליבע צווישן הערשעלע און משהלע (דאָס ווינטשפינגערל). אָט די לאַקריץ-זיסקייט און קליין-בירגערלעכער געשמאַק איז באַזונדער בולט אין זיינע ראָמאַנטישע סצענעס, אין דער שילדערונג פון וועלכע ער איז להלוטין נים קיין בקי, - די ליבע פון דער העלדין אין דער פריזיון, פּישקע דעם קרומענס ליבע צו דער האָרבאַטער, וואָס איז באַפּוצט מיט אלע בולטאַפאָרישע אַטריבוטן פון אַן אמתער מעלאָדראַמע: מיט אַ ליבע-דערקלערונג ביים שיין פון דער ווונדערלעכער לבנה, מיט אַרויפלייגן דאָס פאַרחלומטע קעפּעלע אויף זיין פּלייצע, מיט א גורל-דיקן קוש אין קעלער, מיט אינטריגעס פון אַ שלעכטן גזלן, מיטן בליאַסקט פון אַ קינזשאַל אאז"וו. עס ווילט זיך מענדעלען באַשרייבן די זיבן חנען פון דער יונגער שיינער גאָלדע און ער טוט עס אזוי: „אירע אויגן האָבן געפינקלט ווי צוויי סטעאַרינענע ליכט" [1]. דאָ בעט זיך פון זיך אַליין אַ פאַרגלייך מיט אַ צווייטן

1) די ציטאַטע האָב איך איבערגעזעצט פונעם רוסישן טעקסט. אין דאָס קליין מענט-שעלע, אלע ווערק פון מ.מ.ס., וואַרשע 1928, ז' 100 שטייט אזוי: „...ביי נאַכט, אין דע פינצטער, האָבן אקעגן מיר געפינקלט, געלויכטן אירע ששש ברענענדיקע אויגן ווי צוויי ליכטיקע שטערן..." (האָט עס מ.מ.ס. שפּעטער איבערגעמאַכט?) - ר.טש.

זשאַרגאָנישן בעלעטריסט – י.ל. פּרץ. אַ פֿײַנער, קינסטלערישער אינדיווידואַליזירטער אַנאַליז פֿון די טיפֿענישן פֿון אַ פֿרויען-נשמה, בפֿרט פֿון איר ליבע-פּלאָנטערן, שטעלט י.ל. פּרצן אין דעם פּרט און אין אַלע אַנדערע פּרטים ניט דער ערך אויף אַ העכערער מדרגה פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים סײַ לויטן כּמות אַזוי אויך לויטן איכות פֿון זײַן טאַלאַנט.

ניט זײַענדיק ביכולת צו באַהערשן זײַן טעמע און צוימען זײַנע שעפֿערישע עמאָציעס, פֿאַרמאָגט מענדעלע מוכר ספֿרים ניט דעם נויטיקן געפֿיל פֿון און צו לאַנג מאָס און זײער אָפֿט פֿאַרקערעוועט ער זיך אָן אַ זײַט און גיט זיך צו פֿיל אָפּ מיט זײַנע פֿילאָזאָפֿישע קלוגע באַטראַכטענישן. איך טרעפֿט בײַ אים, למשל, זײער אָפֿט דאָס פֿריקרע יאָגעניש נאָך סינאָנימען און שפּראַך-קונצן וואָס חזרן זיך בסדר איבער. ער איז ניט מסוגל זיך צוריקצוהאַלטן און שיט מיט רמזים און פֿאַרשטעלטע רייד און גיסט זײער אָפֿט אַרויס ליטעראַרישע קלײנשטעטלדיקײט און פֿעליעטאָניסטישן מאַנעריזם. די אַלע פֿון אים אַזוי באַליבטע הקדמות און הקדמות צו הקדמות, וואָס חזרן זיך בסדר איבער, זײַנע פּירושים אויפֿן ייִדישן „עט״ און „בע״ און אויף דעם ייִדישן דרײ מיט דער נאָז, די פֿעליעטאָניסטישע באַפּוצונג אין דער קליאַטשע, טאַקסע, דאָס קלײנע מענטשעלע, פֿישקע און אַ סך אַנדערע ווערק וועלן ניט אַרײַן אינעם אַקטיוו פֿון זײַן טאַלאַנט. ער האָט אויך ניט אויסגעמיטן דעם פֿאַרעלטערטן אופֿן אַרויפֿצוצווינגען אויף די פֿאַמיליע-נעמען פֿון זײַנע פּערסאָנאַזשן זײערע כאַראַקטער-שטריכן, ווי, למשל,: שינדער, פּיאַווקין, בעל-הבליה, וועקער (די טאַקסע), תקיף, גוטמאַן (דאָס קלײנע מענטשעלע), משה לאַפּ, טרײטל כּאַפּ, יוסל צאַפּ פֿון טוניעיאַדעווקע (טאַקסע). כּדי ניט צו רעדן אין דער וועלט אַרײַן און טאַקע באַווײַזן דעם קלײנשטעטלדיקן און פֿעליעטאָניסטישן אופֿן פֿון זײַן שרײַבן, וועלן מיר ברענגען די ווײַטערדיקע בײַשפּילן. אין דאָס קלײנע מענטשעלע רופֿט אַרײַן דער פֿריקאַזשטשיק דעם קונה אַזוי: „מאָזשע פּאַנו פּאַריזשסקע, האַרצוויטאָק מײַנע אויף דײַן קאָפּ, - פּאַסקודע, מכּות, צרות...״ [1] אָדער עפּעס אַזוינס, ווען ער רעדט אײַן דעם קונה „אויף דײַטש״: „מײַן האַר, קוקן זײ אָן די וואַרע י איך האָב בנאמנות ניכט מער געבעטן, שוין וועלוועלער ווי באָרשטש, זאָג איך איהנען. זײ וועלן, מײַן האַר, קײַן הרטה ניט האַבען.״ (דאָס קלײנע מענטשעלע, ז׳ 50). אין דער הקדמה צו דאָס קלײנע מענטשעלע (דאָס זעלבע אויך צו פֿישקע דער קרומער גיט מענדעלע אָן זײַן אַדרעס: „שרײַבט אַזוי: מענדעלו יודעלעוויטשו מוכר ספֿרימו אוו בערדיטשעוו; גאָספּאָדינו יעווריעיו דאַרף מען ניט שרײַבן, מען וועט אַזוי אויך וויסן...״ [2]

1) – 2) די ציטאַטן ניט געפֿונען. – ר.ס.

כדי צו באַווייזן וואָס פאר אַן עם-הארץ איסר (דאָס קליין מענטשעלע) איז, האָט מענדעלע מוכר-ספרים ניט געקענט צוטראַכטן עפּעס אַנדערש ווי אויפֿן אָרט צו דעמאָנסטרירן מיט פּעטע אותיות ווי אַזוי ער שרײַבט נח מיט זיבן גרײַזן. דער קהלשער קאָבלעפּל תקיף (דאָס קליין מענטשעלע) שלאָגט זיך על-חטא אַזוי: „על-חטא שחטאתי בהזקעס-פּוקעס... געמאַכט כאַפּ-לאַפּ און אַלצדינג איז געבליבן „חאַטאַ פּאָקרישקע"... (דאָס קליינע מענטשעלע, זז׳ 137, 135).

אויב ווי אַ פּסיכאָלאָג איז מענדעלע מוכר ספרים לגמרי שוואַך און ווי אַ פֿילפֿאַרביקער קינסטלער און פֿײַן-צײַכענער איז ער ניט געגנוג הויך, איז ער ווי באַשרײַבער פֿון שטײַגער-לעבן און ווי אַ דיכטער ניט דער ערך העכער. אין פֿישקע דער קרומער און אין זײַן בעסטן, לויט אונדזער מיינונג, ווערק דאָס ווינטשפֿינגערל, אין פֿיל פֿון זײַנע העברעישע סקיצן און אין אַ צאָל טיילן פֿון דער קליאַטשע וויקלט ער פֿאַנאַנדער אַ גאַנצע וועלט שטײַגער-בילדער, אמת, אַלץ אויף דער זעלביקער, אָרעמער אין קאָלירן ייִדישער גאַס. טייל מאָל צייכנט ער אָן צימצודיק און בולט סצענעס און טיפּן, מאָלט זיי מיט אַ זיבערער האַנט, מיט קענטשאַפֿט פֿון דער סביבה, מיט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אירע שטימונגען... ניט זעלטן פֿילט מען פֿאַרבאָרגענע טרערן דורך דעם פֿינקלדיקן הומאָר, אַ טיפֿן נשמה-ציטער פֿון אַ סענטימענטאַלער פּערזענלעכקייט, דעם ווייטאָק פֿון ~~שטעט~~ רחמנות ביים שילדערן די דאָזיקע בילדער, - און דעמאָלט הייבט איר אָן צו באַנעמען, אַז איר האָט דאָך צו טאָן מיט אַ גליקלעך באַגאַבטן ~~קשעשטעלע~~ שרײַבער. נאָר דאָס איז נאָר אויף אַ רגע, - עפּעס אַ מין פּאָליטאַנישער קניטש, און דער שטאָלצער טאַלאַנט ווערט ~~פֿאַררעכט~~ מיט קליינשטעטלדיקער באַשרײַבונג. ~~פֿון שטײַנער~~.

אַז מענדעלע מוכר ספרים איז מסוגל פֿון מאָל צו מאָל זיך אויפֿצוהייבן אויף אַ העכערער מדרגה, קען מען זען פֿון אַ צאָל סצענעס וואָס ער שילדערט. אָט איז פֿאַר אונדז איינע אַזאַ סצענע, ווען מענדעלע זיצט אין אַ זומערדיקן פֿרימאָרגן, אין תמוז, אויף זײַן ביידל מיט ביכער און באַטראַכט מיט פֿרייד די מילדע שײַנקייט פֿון דער נאַטור אַרום (פֿישקע דער קרומער, זז׳ 9, 10); אָט ווײַזט ער אונדז דאָס בילד פֿון ייִדישן מאַרק, מיטן הו-האַ פֿון די האַלב-הונגעריקע נפֿשות וואָס יאָגן זיך נאָך פּרנסה (פֿישקע דער קרומער, ז׳25; די קליאַטשע, קאַפּיטל 9, זז׳84 א„א); אָט זײַנען פֿאַר אונדז די סצענעס, וו אין זייער יאָגעניש נאָכן שטיקל ברויט טאָפּטשען זיך און האַוועז ייִדן אויפֿן וואָקזאַל אַרום די וואַגאָנען צו פֿאַרכאַפּן אַן אָרט, ווי אַזוי זיי פֿירן דורך על רגל אחת געשעפֿטן וואָס זײַנען גאָר ניט ווערט (שם ויפת בעגלה)[1]; אָט איז אַ סצענע דורכגעזאַפּט

[1] קבֿרת, 1890, זז׳ 45-47

מיט בימערן הומאָר, אין װעלכער מענדעלע װאַנדערט אַרום איבערן בויזעם פון אַ פרעמדן שיער (בישיבה של מעלה)[1]; און אָט איז פאַר אונדז װי אַן אויס-געטאָקטע די געשטאַלט פון ליב-מלמד, װעלכער באַטראַכט פאַרביגיענדיק, װי אַ מענטש װאָס װעט א מאָל זיין א סבי, דאָס פרעמדע װייץ אויפן פעלד און דערציילט זיין חלום װי ער שפּאַצירט מעשה בעל- הבית איבער זיין אייגן פעלד אינעם לאַנד פון די אבות, װוהין ער לאָזט זיך אַרויס, און װי די יידישע פעלד-אַרבעטערס דאַנקען אים, דעם בעל-הבית זייערן, און האָבן פאַר אים דרך-ארץ, און װי ער שפּאַצירנדיק אזוי זיך און באַטראַכטנדיק דאָס אַלץ, יאָגט אונטער די אַרבעטערס און עצהט זיי זיי זאָלן זיך בעסער ניט פוילן (בימי הרעש)[2]. דערמאָנט אייך דעם אויסגעדיינטן ניקאָלייעװער סאָלדאַט שמואליק, די עפּיזאָדישע פיגור אין דעם פּריזיװ; דערמאָנט אייך ענלעכע סצענעס, ארויסגעכאַפּטע פון סאַמע מיטן פון יידישן לעבן, סצענעס װי פלימערלעך צעשאָטענע אין װינטשפינגערל. עס גלויבט זיך ממש ניט, אַז איין און דער זעלבער מחבר האָט אָנגעשריבן דאָס װינטשפינגערל און די טאַקסע, – אזוי גרויס איז דער חילוק צװישן די צװיי װערק. און דאָס צװייטע װערק האָט דאָך געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע אין מאַכן אים אַ שם איי-דער דאָס ערשטע...

מענדעלע איז א דיכטער װאָס האָט ליב און פאַרשטייט די נאַטור, אָבער אַ דיכטער װאָס איז ניט ניגעריק אַריינצודרינגען אין איר אינ-טימפע סיפּע-נישן. ער פאַרשטייט די נאַטור אויף זיין אייגענעם אופן. דער שטאַרקער חותם פון דער יידישער גאַס, װאָס ליגט אויף דער גאַנצער מענדעלע- געשטאַלט, װייזט זיך אַרויס אויך דאָ, – ער האָט די נאַטור פאַריידישט, װי ער האָט פאַריידישט זיין „קליאַטשע", װי ער האָט פאַריידישט אַלץ װאָס איז אַריין אין פעלד פון זיין קינסטלערישן בליק. אין זיין נשמה רופט די נאַטור אַרויס בילדער פון סליחות און קינות. דאָס גיט צו זיינע באַשרייבונגען אַ באַזונדערע בית-מדרש-סטיליזא-ציע. בילדער פון דער ברייטער װעלט אַרום זיינען אים פרעמד. עס איז אומטעג-לעך איבערצוגעבן אין אַן איבערזעצונג דאָס כאַראַקטעריסטישע אין זיין אופן פון שילדערן די נאַטור, אָבער מיר װעלן פּרוּװן: (איך ברענג די ציטאַטעס אין יידישן אָריגינאַל- ר.טש.)

„.... די שיינע נאַטור זומער פאַרנאַכט איז אַ כלה צום באַדעקנס אונ-טער דעם שלייער - און דעמאָלט האָט זי ערשט דעם זיבעטן חן, צים זי דעם חתן ביי דער נשמה..." (דאָס װינטשפינגערל, ז' 165).

---

1) לוח אחיאסף, 1894

2) פרדס, 1894, זז' 31-60

אָדער: „...דער אָבגעטונקלטער, אויסגעצאַנקענער וואַלד איז געשטאַנען ווי א חתן-בחור אַנגעטאָן אין אַ נייער, גרינער זופּעצע, געטאַכט ערשט איצט אין פרילינג, און געשיינט, געלויכטן ווי דער ליכטיקער מאָרגן-שטערן, וואָס האָט לויפנדיק פאַרויס, געבראַכט די פרײלעכע בשורה, אַז אָט באַלד קומט צו פאָרן די זון – די מײערע, גילדענע מחותנתטע און די חתונה וועט זיך אָנהייבן...” ( די קליאטשע, קאַפּ' 9, ז' 76).

אָדער אָט זײַנען אנדערע ביישפּילן פונעם זעלבן מין: „...דאָס גראָז אין פעלד, די ביימער אין וואַלד זײַנען געשטאַנען אָנגעבויגן, זיך געשאָקלט פונעם ווינט, אומעטיקע און געזאָגט קינות” (בעמק הבכה, טייל 2, קאַפּ' 15)

אָדער: „...אויף א צווייגל אין דער הויך וויגט זיך אַ סאָראָקע, אויסזעענדיק פון דער ווייטנס ווי אָנגעטאָן אין אַ ווייס תליתל מיט פאַסן תכלת פאַרנט, און דאַווענט, שאָקלענדיק זיך...” ( פישקע, קאַפּ' בי, ז' 17).

„... דער וואַלד האָט אויסגעזען ווי א ייד אין די טעג פון סליחות, א פאַרטרויערטער, אַן אומעטיקער...” (פישקע )

„... די פייגעלעך זאָגן שירה און שפּרינגען קדוש...” (ווינשפּינגערל)

(די צוויי לעצטע ציטאטעס ניט געפונען. איך האָב די ...רעדשטע איבערגעזעצט פון רוסיש. די ציטאַטע איז ביי א.מש, טראנסקריבירט מיט לאַטייני[שע] אותיות. – ר.מש.)

אָדער: „... דער בוחר האָט געבלאָזן שופר מיט זײַן קול...” (דער יוד, 1902, נומ' 29).

און מיט אַזעלכע בילדער זײַנען ביי אים איבערגעשאָטן אַלע ~~[illegible]~~ ווערק. און אַז מענדעלע קען מאָלן אַ בילד פשוט, פיין און שיין, אָן ~~[illegible]~~ קינסטלעך און בילקע פעליעטאָניסטישע גענג איז צו זען כאָטש ביי פון אַזאַ מין בילד:

„...עס ציט זיך גאָטס גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט אָן אַ סוף, אָן אַן עק. אין דער מיט וועלט, אויף דער קיילעכדיקער ערד, איז דאָ א קליין פלעקעלע, ווי אַ פליג האָט איבערגעלאָזט. – דאָס איז גלופּסק. אין דעם ראָזיקן פלעקעלע איז דאָ אַ פינטעלע – אַ קליזל. אין דעם פינטעלע איז דאָ נאָך אַ ברעקל פינטעלע – אַ באַנק, און אין דעם ברעקל פינטעלע ליגט נאָך אַ פיצינקעלע פינטעלע – אַ מין באַשעפעניש אַזוינס, וואָס הייסט הערשעלע. דאָס פיצינקעלע באַשעפעניש ליגט ווי אַ שפּיץ פונקט אין דער מיט פונעם גרויסן ראָד שפּינוועבס. פון אים ציען זיך אַרום און אַרום אין אַלע זייטן לאַנגע דינע פעדימלעך... אויף די דאָזיקע לופטיקע פעדימלעך קלעטערט הערשעלעס נשמה, קאַראַבקעט זיך מיט אַלע זײַנע געדאַנקען אַהין, אַהין – אַהיים” ( דאָס ווינשפּינגערל, 1טער באַנד, ז' 115).

אַזוי אָריגינעל און נשמהדיק-שיין באַשרייבט מענדעלע מוכר ספרים די בענקשאַפט פון אַ פאַרוואָרפן יינגעלע אַהיים; אָדער אָט ווי צמצומדיק און פשוט באַשרייבט מענדעלע די קינדהייט פונעם זעלבן יינגל:

„... הערשעלעס יוגנט איז פאַרגאַנגען געשווינד, אָפּגעבליט גיך און ער איז) (ווינציקער) נאָך געוואָרן א קליין יודל: דערשלאָגן, פאַרטראַכט, מיט אַ פאַרזאָרגט פנים, מיט אַלע פּאָסטעמקעס פון אַ גרויסן באַווייבטן ייִדן, עס האָט אים נאָר געפעלט אַ בערדל (דאָס ווינשפּינגערל, בי 1, ז' 32).

אָדער אָט וואָס פֿאַר אַ פֿײַן בילד ער גיט אין זײַן באַשרײַבונג פֿון אַ פּרימאָרגן:

"...בײמער און גראָז האָבן עפּעס ווי זיך געשמײכלט אײדער די גרויסע טרערן "טוי פֿון בײנאַכט זײַנען זײ נאָך נישט אויסגעטריקנט, אַקוראַט ווי קלײנע קינדער צעלאַכן זיך פּלוצים פֿרײלעך אין מיטן געװײן פֿון אַ בלישטשענדיק צאַצקעלע, בשעת טרערן ווי די באָב שטײען זײ נאָך אין די אויגן". (מסעות בנימין השלישי, זזי 35,34).

בײם עולם נעמט ספּעציעל אויס מענדעלע מוכר ספֿרים הומאָר, אָבער אין דעם פּרט װערט ער פֿון דעם עולם ניטפֿאַרדינטער הײד איבערגעשאַצט. עס איז אמת, אַז מענדעלע איז באַשאָנקען מיט אַ רײנעם, אײדעלן הומאָר, דעם מין הומאָר וואָס איז דורכגעזאַפּט מיטן טעם פֿון לאַכעדיקן געװײן, – מיט ײדישן הומאָר. מענדעלע גופֿא מיט זײַן "קליאַטשע", מיט זײַנע ליבל-מלמדים, קאַבצאַנסקער ײדן, פֿאַרשטיקטע – זײ אַלע זײַנען אײַנגעהילט אין אַ לאַכעדיקן שלײער פֿון טרערן וואָס זײַנען גרײט זיך אַ גאָס צו טאָן יעדע רגע. אָבער אויב זײַן פֿינקלדיקער הומאָר טוט אַ מאָל אַ בלישטשע ליכטיק און פֿרײדיק אין מיטן פֿון מאָנאָטאָנע סצענעס און באַטראַכטונגען, וואָס חזרן זיך בסדר איבער, איז ניט דער ערך אָפּטער װערט זײַן הומאָר פֿאַרשאָטנט פֿון פּרעטענציעזע און פּרימיטיװע, אויסגעקװעטשטע מיט געװאַלט סאַטירישע זאָגונגען. פֿון אָט דעם מענדעלעס סאַטירישן געלעכטער גיט אָפּ מיטן אַלטן נוסח פֿון מוסר- און שטראָף-ריד, אין דעם דאָזיקן געלעכטער הערט זיך אָפּט דער קול פֿון אַ משׂכּיל וואָס האָט פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין אַ באַנײַט לעבן. נאָר אין גאָר זעלטענע פֿאַלן קלינגט זײַן סאַטירישער געלעכטער שטאַרק, ביטער און װאָרנענדיק.

אויב מיר װעלן אונטערפֿירן אַ סך-הכל פֿון דער עסטעטישער אָפּשאַצונג פֿון מענדעלעס װערק, װעלן מיר קומען צום אויספֿיר, אַז די פּאָרעם, אין װעלכער זײַן טאַלאַנט דריקט זיך אויס, און זײַן סטיל שפּיגלען אָפּ זײַן נטיה צו אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה און אירע פּסיכאָלאָגישע אײגנשאַפֿטן. דער אײַנפֿלוס פֿון אָט דער סביבה האָט געפֿורעמט זײַן טאַלאַנט און אים געפֿירט מיטן ענגן קלײן-בירגערלעכן שטראָם, אים דיקטירט זײַן באַציִונג צום אָרעמקן לעבן; און נאָר פֿון מאָל צו מאָל, גאָר זעלטן, געלינגט דעם גליקלעך פֿון גורל באַשאָנקענעם מענדעלע מוכר ספֿרים זיך צו באַפֿרײַען פֿון אָט דער ווירקונג, – און דעמאָלט שטײט פֿאַר אונדז אויף אין זײַן גאַנצער גרײס דער שרײבער, דער קינסטלער, דער שילדערער פֿון שטײגער-לעבן, דער סענסיטיווער אײגנאַרטיקער דיכטער ש. אבראַמאָװיטש װאָס קען פּרעטענדירן אויף אַ שם און אָנערקענונג אין דער גרױסער ברײטער װעלט, מחוץ דעם ענגן גדר פֿון ײדישן געטאָ.

דעם שם אויף דער ייִדישער גאַס האָט זיך מענדעלע מוכר ספרים געשאַפֿן
מיט זײַנע ערשטע װערק. די טאָג־טעגלעכע געשעענישן אויף דער ייִדישער גאַס, מיט
איר ענגן אינטערעסן־קרײַז, האָבן אים געגעבן שטאָף פֿאַר זײַנע קינסטלערישע גע-
שטאַלטן, מיט װעלכע ער האָט פּובליציסטיש־שילדיק אָפּגעריכט; די גאַנצע
קראַפֿט פֿון זײַן פּרימיטיװן מעמד פֿון „אַראָפּרײַסן די מאַסקע" האָט ער אָנגעװענדט
קעגן די שטאַרקע פֿון דער קלײנער װעלטל און, עס פֿאַרשטײט זיך, אַז אַ דאַנק דעם
האָט ער געקענט און געמוזט װערן דער צענטער פֿון די סימפּאַטיעס פֿון די „קל-
ײנקע" אין דער דאָזיקער קלײנער װעלטל. צװישן אָט די קלײנינקע איז ער װיר-
לעך געװאָרן פּאָפּולער, געװאָרן גרויס, ער איז געװאָרן דער װאָס האָט אויף א קו-
אויסגעדריקט זײערע אינטערעסן און שטימונגען. די ייִדישע קלײן־בירגערלעכע
מאַסע, װאָס האָט מיט פּחדנות און הכנעה אַריבערגעטראָגן דעם יאָך פֿון אירע
אַלײן־באַשטימטע בעלי־טובֿות, און נאָך מיט מער הכנעה דעם יאָך פֿון די שטאַרקע פֿון
דער אויסערלעכער װעלט, װעלכע האָבן אָפּיציעל סאַנקציאָנירט די דאָזיקע אַלײן
באַשטימטע בעלי־טובֿות, – האָבן מיט התפּעלות אויפֿגענומען אַזױנע װערק פֿון
ש. אַבראַמאָװיטש װי דאָס קלײנע מענטשעלע, די מאַקסע, די קליאַטשע א"אַ; זי
האָט מיט התפּעלות, פֿאַרשטײט זיך, שטילער הייד, געקוקט אויף דעם דרייסטן מענטש,
אויפֿן משכּיל װאָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַראָפּצורײַסן די מאַסקע פֿון די קהלשע
פֿאַרזאָרגערס; זי האָט אין זײַנע װערק אָן קײן שום שװעריקײט דערקענט אירע
שונאים, די חשובֿע קהלשע פּירערס, דערקענט זיך גופֿא, די אײגענע זאָרגן און האָפֿענונגען.
זי, די דעגענערירטע, אומזיכער־ערשראָקענע מאַסע מיט איר צעקראָכענע(ר)
פּחדנותדיקער פּסיכאָלאָגיע, מיט איר פֿאַרשימלטן „פּיצעלע שכל", האָט גלײבגילטיק
פֿאַרזען די באמת קינסטלערישע שטעלעס אין מענדעלעס װערק און האָט זיך פּאַסמ-
קעװעט מיט זײַן רחמנותדיקער פּובליציסטיק און מיט זײַן געקינצלטן, באַפּוצטן
מאַנעריזם.

אין דער צװײטער תּקופֿה פֿון זײַן שאַפֿן, ספּעציעל אין די 90ער יאָרן, װען
ער האָט געשריבן במעט אויסשליסלעך העברעיִש (אגבֿ, איז אויך זײַן העב-
רעיִש אײגנאַרטיק און מליצהדיק און איז װי אָנגעמאָסטן צו די אָביעקטן פֿון
זײַנע חיבורים) זײַנען די געשװוירענע פֿאַרשפּרײטער פֿון זײַן גרויסן שם געװען
מענטשן פֿון דעם דור „קינדער" װאָס האָבן זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו די
„פֿאָטערס" צום דור פֿון השכּלה. זײ האָבן געמײנט, אַז להיפּוך צו זײערע טאַטעס
האָבן זײ געגעבן די מאַסן אַ קאָנקרעטן נאַציאָנאַלן אידעאַל, און אין דער אמתן

זײַנען זײ געװען די בעסטע היטערס פֿון דער פֿאַרשימלטער אָפּגעלעבטער װעלט, די זײַנען בלויז געװען מסוגל צו לאַװען און קעכלען אָן אַ סוף זײער אײגענעם נאַציאָנאַלן עגאָיזם. אַ גאַנצע רײ קריטיקערס פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים װאָס האָבן זיך פֿריער דערלויבט צו באַמערקן געװיסע חסרונות זײַנע, דערקלערן אָפֿן, קאָקעטירנדיק דערבײ מיט אים, אַז זײ זײַנען אים מוחל זײַנע חטאים; אַנדערע פֿון זײ װידער, אין זײער קעלבערנער התפּעלות, זײַנען אַפֿילו נישט מסוגל צו זען זײַנע [illegible] 1) חסרונות. אָט דורך װעמען און דורך װאָס עס איז געשאַפֿן געװאָרן און עס װערט אויפֿגעהאַלטן זײַן גרויסער שם.

אויב אין אָנהײב פֿון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײט האָט ש. אַבראַמאָװיטש נאָך געפּרוּװט און געקענט גײן אײן טראָט מיטן גאַנג [illegible] פֿון ײדישן לעבן און און ער איז נאָך געשטאַנען, אויף װי װײט זײַן פּסיכאָלאָגיע האָט אים דערלויבט אויף דער הויך פֿון זײַן תּקופֿה, — האָט זיך דאָס אַלץ מיט דער צײַט דראַסטיש געענדערט. אויב משפּטן אָביעקטיװ, איז ש. אַבראַמאָװיטש געװען אַ „רעפֿאָרמאַטאָר„ פֿאַר זײַן תּקופֿה, אַ בולטקער מענטש װאָס האָט העכער פֿון אַלע אַנדערע און דער עיקר אויף א מער פֿאַרשטענדלעכן אופֿן [illegible] אויפֿגעדעקט די ײדישע געשװירן. די פֿאָרמען פֿון זײַנע „רעפֿאָרמאַטאָרישע" אינסטינקטן און דער אופֿן פֿון אַראָפּרײַסן די מאַסקע פֿון די געשװירן פֿון ײדישן קהלשן לעבן זײַנען אים דיקטירט געװאָרן פֿון זײַן פּסיכיק, װאָס האָט זיך אויסגעקאָכט אין אַ באַשטימטער סבֿיבֿה. מיר, למשל, פֿאַררעכנען צו די אומבאַדינגטע פֿאַרדינסטן פֿון אַבראַמאָװיטש דאָס װאָס ער איז געװען דער ערשטער [illegible] צװישן די ײדישע שרײַבערס פֿון זײַן צײַט װאָס האָט געהאַט שרײַבן פֿאַר דער מאַסע אויפֿן פֿאַריאָגטן ײדישן זשאַרגאָן, דאָס װאָס ער, אַ רעאַליסט לויט דער נאַטור, האָט געטראָגן זײַן אויסגעלײטן װאָרט צו דער מאַסע פֿון זײַן גאַס און, װי מיר האָבן עס געזען, איז ער פֿון דער מאַסע פֿאַרשטאַנען געװאָרן. דאָס אויסגעלײטן װאָרט זײַנס איז אָבער געװען דורכגעזאַפּט מיטן ספּעציפֿישן ריח פֿון זײַן גאַס, מיט דעם ריח איז אויך דורכגעזאַפּט זײַן שטאָלצע דערקלערונג, אַז די קליאַטשע האָט געהאַט דעם מזל צו װערן איבערגעזעצט אויף פּויליש „דורך אַ קריסט פֿון געבורט" („נוצרי מבטן ומלידה". זע: אויטאָביאָגר. נאָמיצן אין ספֿר הזכּרון, ז׳ 124) און אַ סך אַנדערע. [illegible]

---

1) װי אַ בײַשפּיל פֿונעם ערשטן מין קריטיקערס זע: נאָטיץ אין הדור, 1901, נומ׳ 43, 44, 45 — ר. בריינין; אין השלוח, ב׳ 13 — לובעצקי; אין די ײדישע פֿאָלקס ביבליאָטעק (זשאַרג.), 1889 — בן־קצין. װי אַ מוסטער פֿונעם צװײטן מין איז באַראַקטעריסטיש דער לויבגעזאַנג פֿאַר מ.מ.ס. אין קבֿרת, 1890 — ז. עפּשטײן. נישט צו פֿאַרגלײַכן צוריקגעהאַלטענער און אינטעליגענטער איז דער אַרטיקל פֿון גר־צדק אין די ײדישע פֿאַמיליע (זשאַרג.), בוך 8, 9, 10.

מיר קענען נים דערוואַרטן עפּעס אַנדערש פון דער דאָזיקער גאַס אַבן פון איר
טיפּישן פאָרשטייער. אָבער Tempora mutantur, ציימן בייטן זיך. און אויב נאָך אין
די איצטיקע טעג, אין די להלוטין פאַרענדערטע צווישן-באַציונגען אין ייִדישן
לעבן, ביי די ניי-אויפגעקומענע פאָרמען און כוחות אין דער ייִדישער ווירקלעכ-
קיים, ביי די נייע אידעאַלן און שטרעבונגען, - שפּייזט ש. אַבראַמאָוויטש דעם לייע-
נער מיט זיינע מאַנאַטאָנע זכרונות וועגן דער גוטער אַלטער ציים און שלעפּט אים
מיט זיך צוריק אהינצו, אויב ער פאַרמעסט זיך מיט רעש און אַ מאָל זייער שאַרף
קעגן די אויסגעבריימערטע שטרעבונגען פון די אויסגעוואַקסענע דורות, - בלייבט נאָר
איבער די איינציקע ברירה אויפצודעקן דעם הינטערגרונט פונעם סאָציאַלן פּרצו
פון אונדזער „קאַריפיי", אַנטפּלעקן די וועלט פון וואַנען עס דערטראָגט זיך צו
אונדז זיין קול, אַ קול פון אַן אומצופרידענעם זקן.

אין דער ציים בעת אין די טיפּעניש פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן
לעבן האָבן זיך געהאַלטן אין אויסקריסטאַליזירן נייע שיכטן מיט נייע איבעיִשע
שטרעמונגען, בעת דאָס לעבן גופא האָט זיך אַ קערעווע געגעבן צו די פאַרענדער-
טע אַנטוויקלונגס-באַדינגונגען, - האָט ש. אַבראַמאָוויטש, געשמויסן דורך
אַ גאַנצן מעכאַניזם סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע פּרודשינעס, זיך געוואַקלט אין
זיינע געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיעס פון איין זיים צו דער צווייטער; און ווען דער
וווקס פון די נייע כוחות איז געוואָרן פולקאָמער און בולטער, האָט זיך ש. אַבראַ-
מאָוויטש ארויסגעוויזן צו זיין להלוטין נים פעיק צו זען און צו פאַרשטיין יענ
קריזיסן, אָפּנייגונגען און זיגזאַגן, וואָס האָבן אַזוי מעכטיק אויס געשפּריים
נייע האָדיזאַנטן. ער האָט זיך דערפילט אומרויִק אין זיין אייגענער סאָציאַלער שאָלעכץ, ער
האָט דערפילט אַ באַדערפעניש צו מאַכן פון ציים צו ציים אַטאַקעס קעגן די „נייע
פייגל און נייע לידער, נייע זשאַבעס און נייעם קוואַקען". נאָך אין יאָר 1894
איז ער אין פּרדס ארויסגעטראָטן מיט אַ הויך-קינסטלערישער דערציילונג „בימי
הרעש", קעגן דעם „מומלען זיך פון יענע מענטשן וואָס האָבן זיך דערפילט ווי
ייִדן", קעגן „אונדזערע קמצנים וואָס טראַכטן ברענגען צוריק די טעג פון אונד
זער קינדהיים (?), אַ קערעווע טאָן אויף צוריק דעם גאַנג פון ציים (?)", קעגן
„פלוצימדיקן אויפפלאַמען און פלוצימדיקער אָפּקילונג". אין דער דאָזיקער
דערציילונג קוקט מענדעלע מיט סקעפּטיציזם און שפּאָט נים נאָר אויף דער קליינ
לעכער התפּעלות פון לייבע-מלמד, וועלכער קלייבט זיך איינצופירן זיין אַלט געטאָ
אינעם „צוגעזאָגטן לאַנד פון באַניימן לעבן", - פאַר דעם ניבטערן אַנטפּלעקן
פאַר אונדז די לעכצעניִשן פון אַ קליין-בירגערלעכער נשמהלע קומט אַ טיפער

צאָן

דעם קינסטלערישן פּינזל פון ש. אַבראַמאָוויטשן, - אָבער מיט די זעלבע אויגן

קוקט ער אויף יענעם איבערגעגעבענעם אידעאַליזם פון דער טיף-פילנדי-
נאָך נישט קלאָר
קער יידישער יוגנט, וועלכע האָט, אמת, ~~טשטשטשטשטשט~~ און טאַפּנדיק אין דער

פינצטער, געזוכט דעם וועג צו יידישער אויפלעבונג. ש. אַבראַמאָוויטש האָט אָנגע-

הויבן מיט טרויער און אויפגערייצקייט צו באַטראַכטן, אַז די אידעאַלן, וואָס ער האָט

אָפּגעוואָרפן, פאַרכאַפּן אַלע מוחות ברייט אַרום, און אין יאָר 1902 איז ער, נישט קע-

נענדיק זיך צוריקצוהאַלטן, אַרויסגעטראָטן מיט אַ דערציילונג, אַ נישט פאַרענדיק-

טער, א"ט ספר הבהמות , וו ער ווענדט זיך אין זיין מערקווירדיקער הקדמה
זיין
צו מענדעלען (דער יוד, 1902, נומ׳ 26-29). אָט די הקדמה שטעלט מיט זיך

פאַר אַ ווערטפולן דאָקומענט פאַרן כאַראַקטעריזירן די זיך אָנגעזאַמלטע אין אַב-

ראַמאָוויטשעס נשמה אַלטע איבערלעבענישן. שוין דער נאָמען אַליין פון דער הקדמה
שאָקל
אַ מין ~~[illegible]~~ מיטן קאָפּ און אַ ווינק מיטן אויג; אָבער וואָס טויג אונדז דאָס שאָק- [illegible]

לען און דאָס ווינקען, ווען דער מחבר גופא שטעלט זיך אַוועק פאַר אונדז גאַנץ

אָפן, אָן שום רעזערוואַציעס, באַוואָפנט מיט אַלע כלי-זין, ווי אַ פאַרטיידיקער פון

זיין אים אַזוי נאָנטער אידעאָלאָגיע! אפילו די פאָרעם - דער אופן פון שרייבן,

די קנייטשן פון שפּראַך זיינען ביי אים געבליבן די זעלביקע. לאָמיר זיך צו אים

צוהערן:

„...בין איך מיר געגאַנגען מיין וועג, - ווענדט ער זיך צו מענדעלען, -
שאַ, גאָר נישט, גלייך ווי מיר איז פאַרלייגט די אויערן. אדרבא, נאָך אָפּשטעלן
זיך נאָר אַ מאָל אין דער זייט דאָרט און האָרכן אויף ציקאַוועשטש, בשעת אַ גרויס
דולעניש... איבער היינטיקע משיחס-צייטן... די אַלע דיבורים זיינען נישט פון
זייער קאָפּ חלילה. דאָס האָבן זיי געגאַנשט ביי יענע, להבדיל... ביי אונדז אָבער האָט
עס, משטיינס-געזאָגט, אַ פּנים ווי אַ פּאַריזער מאָדע ווערט פאַרטראָגן, אַז אַך און ווי
צו איר, צו יידישע מיידלעך, דינסטמיידלעך ערגיץ אין יהופּעץ."

„שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו הערן... עפּעס אַזוי: פאָלק איז
פאָלק און רעליגיע איז רעליגיע, צוויי באַזונדערע זאַכן, ווי ביי זיי, להבדיל, וואָס
ביי יידן גאָר נישט צו פאַרשטיין!

„... דת ביי אונדז יידישע קינדער, פאַרשטייט איר מיך, איז נישט דאָס
וואָס ביי אַנדערע פעלקער... דת און לאומיות זיינען ביי אונדז איינס... „קודשא
- בריך-הוא, ישראל און די תורה זיינען איינס", - אַזוי זאָגן אונדזערע הייליקע
חכמים."

„...לשון, מהיכא-תיתי!... איז דאָס גאַנצע אָנשפּאַרעניש זיינס הענגט,
נעבעך, אין דעם חומש, תנך, אין דעם סידור, מחזור און אַנדערע הייליקע
ספרים, אין וועלכע דער ייד ליגט אין גאַנצן מיט די ביינער, מיט לייב און לעבן.

„... צו וואָס- זשע איז אַזוי דאָס פייער, דאָס זידלען זיך, דאָס קלאָגן
זיך אויף די טאַטעס, מאַכן זיי אויסצודרייען?" (ספר הבהמות, זז׳ 7-10. ציטירט
פון אַלע ווערק פון מ.מ.ס., וואַרשע, 1928).

אָט אַזוי בורטשעט די אָפּגעלעבטע וועלט אין דער געשטאַלט פון אַבראַ-

מאָוויטש-מענדעלע, די וועלט, וואָס איז דערשראָקן פון די פרישע, קלינגענדיקע
רופן. דער געוועזענער „רעפאָרמאַטאָר", וואָס האָט זיך מיט שטאַרקע פעדים פאַר-

בונדן מיט זײַן קלײַן- בירגערלעכן עבר, מיטן פֿאַרפֿױלטן אָפּפֿאַל פֿון די צין-קראַבענע נשמות, איז ניט בכּוח נאָכצוגײן מיטן שטראָם פֿון די אױסגעװאַקסענע דורות; ער דעקט זיך צו מיט אַ שפּאַס, מיט אַ געלעכטערל פֿון אַ זקן; ער מאַכט חוזק פֿון די טיפֿסטע שטרעבונגען פֿון דער באַפֿרײַטער מענטשלעכער פּערזענלעכ-קײט; צו מאָל באַשפּײַט ער אַשטעט מיט זײַן סאַטירע אַפֿילו זײַנע אײגענע געװעזענע געטער. אָבער אונדז, די שותּפֿים אײנעם שװערן געראַנגל פֿאַר אַ בעסע... רער װעלט, גײט גאָר ניט אָן זײַן פּאָרזיכטיקע סאַטירע, דאָס שװאַכע געלעכטערל; פֿאַר די װאָס װערן פֿאַרהאַרטעװעט אין קאַמף איז דאָס צו אַ שװאַכער געװער; אונדז זעען אױס די אָנפֿאַלן און דער סקעפּטיציזם פֿון די אַבראַמאָװיטשעס װי אַ פֿאַר-צװײפֿלונג פֿון אַן אידעאָלאָגיע װאָס האַלט בײַם שטאַרבן און פֿאַרלירט דעם באָדן אונטער זיך. אַבראַמאָװיטש גופֿא פֿילט, אַז דאָס נים פֿאַרשטײן די נײַע שטרעבונגען און אױפֿברױזן פֿון דער איצטיקער װירקלעכקײט שטעקט אין אים ערגעץ טיף:

„... עס רײַסן זיך מיר אױף דער צונג טיף פֿונעם האַרצן װערטער, רעדן װילט זיך מיר... נאָר באַלד טו איך מיר אַ כאַפּ - אױ חלומותי איך אײנער אַט... גײ דאָ אױף דעם װעגעלע. װוּ עולם? ניטאָ קײן עולם! ...״(ספר הבהמות, ז׳8).

ש. אַבראַמאָװיטש האָט מיט אָט דעם טרױעריקן װדוי זיך אַלײן אונטערגעשריבן זײַן פּסק-דין. יאָ, קײן עולם צום אים, װי אַ פּאָרשטײער פֿון אַ באַשטימטן װעלט- באַנעם, איז שױן לאַנג ניטאָ. זײַנע אידעאַלן, שטימונגען, לעבן-פּרינציפּן, מאָראַל, - דאָס אַלץ האָט אָפּגעבליט, קלינגט אַרכאַיִש װי אַן אָפּקלאַנג פֿונעם עבר און רעגט שױן קײנעם ניט אָן. דאָס צירקולירן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, דאָס סאָציאַלע דענקען און דער סאָציאַלער װילן באַװעגן זיך אָן אַן אָפּשט... מיט אַ שנעלן אימפּעטיקן טעמפּאָ פֿאָרױס און װערן אַלץ קלאָרער און בולטער. אין די דאָזיקע באַדינגונגען שטופּן מיר יידן פֿאַנאַנדער ברײט און מוטיק די גרענעצן פֿון אונדזער דאַזײַן, מיר שנורעװען פֿאַנאַנדער אונדזערע אימפּולסן און שטרעבונגען צו נײַע קאַמף-פּרינציפּן, מיר צעברעכן אונדזערע אַמאָליקע און איצטיקע געמאָס און שטעלן דערבײַ אַרױס אַ באַשטימטן נאַציאָנאַלן אידעאַל. איצט איז שױן פֿאַר אונדז ניטאָ קײן װעג צוריק. די עקשנותדיק מאַרשירנדיקע פֿאָרױ... װירקלעכקײט װענדט זיך װי דער ספֿינקס צו אַבראַמאָװיטשן און צו זײַנער גלײַכן מיט אַ פֿאָדערונג זײ זאָלן זי פֿאַרשטײן אַנים װעט זי זײ אָפּמעקן. אױב אָבער זי... װעלן די װירקלעכקײט נים קענען באַנעמען, װעט זי איבער זײ אַריבערטרעטן װי זי האָט שױן פֿריער אַריבערגעטראָטן איבער אַ סך אָפּגעבליאַקעװעטע חלומות און טרױמען.

---